№ 2 | Należytość pocztowa opłacona ryczałtem. • בלעטער יאהרגאנג. • פרייז 20 גראשען. • „CZENSTUCHOWER CAJTUNG".

טשענסטאכאווער צייטונג

Bibljoteka Jagellońska
Kraków
Św. Anny 19

ערשיינט יעדען פרייטאג.
רעדאקציע און אדמיניסטראציע: ערשטע אלעע 6. — טעלעפאן 291

CZĘSTOCHOWA, ALEJA 6. TELEFON 291,

Piątek, d. 13 stycznia 1933 | ליכט-צינדען 3.48 | פרייטאג, פ' ויחי ט"ו טבת תרצ"ג.

א הערצליכען מזל-טוב ווינשען מיר אונזער פריינד **ראובן פישמאן** צו דער תנאים פון זיין טאכטער **עווא** מיט ה' **אדאלף וויינטרויב.**
דעם חתן כלה ווינשען מיר א בליהענדע צוקונפט.
ב. באטשאן און פרוי.

צו דער תנאים פון פרייליין **עווא פישמאן** מיט ה' **אדאלף וויינטרויב**
א הארציגען מזל-טוב און א בליהענדע צוקונפט
ווינשען:
ישעיהו גראנעק, פרוי און פאמיליע.

אונזערע פריינד **מאניא קאלין** און **פייוויל אלטמאן**
צו זייער חתונה, וועלכע קומט פאר היינט פרייטאג ד. 13-טען יאנואר 1933
די הארציגסטע ברכות.
העלא און שמואל פראנק.

Z intencji zaślubin kuzynki i koleżanki naszej HANI BLEIWEISÓWNY z p. MAURYCYM MARKUSEM **zaysyłają** serdeczne życzenia

Henia Gutstatówna. Roma Grausówna,
Hela i Guta Bratówne.

מזל-טוב ווינשען מיר דעם ה' **הערצקע אופנער** און **פרוי** צו דער האכצייט פון זייער יונגסטע טאכטער.
דעם יונגען פאר א גליקליכע צוקונפט.
יוסף נאלדבערג און פרוי.

„קרן קימת לישראל" אין טשענסטאכאו.

מארגען, שבת, ד. 14 יאנואר
קומט פאר **אין פייערלעשער זאל**
דער יעהרליכער טראדיציאנעלער באל

„א נאכט אין תל-אביב"

ערשטקלאסיגער ארקעסטער. — רייכער און ביליגער בופעט. — פערשיעדענע סורפריזען און אטראקציעס. — איינגאנג נאר געגען איינלאדונגען. — איינגאנגס = פרייז 1 זל. 99 גר.

בעמערקונג: עס ווערט אויפמערקזאם געמאכט, אז עס איז געוואונשען אויסצוקויפען בילעטען אין די פריהערדיגע שעה'ן, ווייל לויט דעם פאראויסגעזעהענעם ערפאלג וועט דער בילעטען-פערקויף אין די שפעטערדיגע שעה'ן אפגעשטעלט ווערען.

א אפען געשעפט פון בלומען

האט איך געעפענט פאר דער בעקוועמליכקייט פון ג' פובליקום אונטער דער פירמע
לייב ווישינסקי, אלעע נר. 38 (פריהער אלעע 36 אין הויף)
וואו עס איז צו בעקומען אלערליי בלומען, בוקעטען פערשידענע דעקאראציעס ווי אויך אלערליי ירקות.
איך האף, אז די ג' קונדשאפט, וועט מיך ווייטער ווי ביז איצט בעזוכען און מאכען זייערע בעשטעלונגען נאר אין די איינציגע סאלידע פירמע.
געדענקט די אדרעס
לייב ווישינסקי, אלעע 38, פראנט-געשעפט

צו דער אויפמערקזאמקייט !!!

דאס לאנג-יעהריגע געשעפט פון מאטאציקלען, ראווערען און ניימאשינען
פון **מ. רויזעוויטש,**
איז איבערטראגען געווארען אין א נייעם לאקאל
אויף בערקא יאסעלעוויטשא 2, הויז ה' שטייניץ.
קאנקורענץ-פרייזען. — טעלעפאן 2-31, — גרויסער אויסוואהל.

לונגען-קראנקע

פרעגט אייער דאקטאר און ער וועט אייך בעשטעטיגען, אז פון סוכאטעס שטארבען מעהר מענשען ווי פון אנדערע קראנקהייטען. יעדער, וואס ליידט פון **היסט, בראנכיט, קאקלוש לונגען-פלעגמע, כריפקע** דארף אנהויבען מאמענטאל זיך היילען. אלס א גוט מיטעל אויף לונגען-ליידען האט זיך ארויסגעוויזען **פאגאסאל.** ביים נוצען פאגאסאל דורך א קורצע צייט פערליערט מען דעם הוסט. עס שטארקט זיך דער אפעטיט און דער קראנקער פיהלט זיך בעסער. פאגאסאל בעקומט מען אין אלע אפטייקען און אפטייק-סקלאדעס.

הויפט-לאגער: Apteka H. ROSENSTADT Warszawa Pl. Grzybowski 10

מעלדונג.

שבת, דעם 14 ד. ח. קומט פאר אין אייגענעם לאקאל אלעע וואלנאשטשי № 37 די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג פון ספארט-קלוב „אסכלה". דער סדר-היום זעט פאר: בעריכט פון דער יעהרליכער טעטיגקייט און וואהלען פון א פערוואלטונג. דער ערשטער טערמין איז 2 א זייגער און דער צווייטער טערמין 3 נכמ. גילטיג ביי יעדער צאהל אנוועזענדע.

דאנקזאגונג.

די פערוואלטונג פון דער געז. „גמילת חסד" אגראדאווא 6
דריקט אויס איהר איניגסטען דאנק דער פערוואלטונג פון האנדווערקער-פערבאנד פאר'ן אבגעבען דעם זאל אויפ'ן חנוכה-אווענד ווי אויך דעם בעליבטען שטאדט-חזן ה' יוסף באדאש, אויך דעם ה' ריכטער פאר'ן אנטייל נעמען אומזיסט.
די פערוואלטונג

עס ווערט געזוכט צו קויפען אנ'עלקען שטריימעל
אין וואס פאר א צושטאנד עס זאל נישט זיין.
צו מעלדען אין רעד. „טשענסט. צייטונג" פאר ב.

שוין צו פערדינגען
א געוועלב אויך א וואוינונג
ביי י. גניסלאוו, אגראדאווא 5.

ס'ווערט געזוכט א מיידעל
אין א גאלאנטעריע-געשעפט
ערקונדיגען זיך ביי ב. גוווערצמאן, אלעע 28.

דיפלאמירטער בוכהאלטער
פ. לאנדסמאן

נעמט אן צו פיהרען האנדעלס - ביכער פון אלע קאטעגאריעס אויך איינפאכע בוכהאלטעריע.
צו מעסיגע פרייזען.
נענויע אינפארמאציעס י. מ. קוטנער, וואדשאווסקא 63.

א געוועלב צו פערדינגען
וויעלונסקא 9, טעלעפאן 351.

Szkoła tańców

baletm. K. KOSTECKIEGO
w lokalu powiększonym
ul. Waszyngtona 6. daw. Jasna.

Zapisy na kursy i lekcje oddzielne codz. od 10-ej rano do 9-ej wiecz.

שבת 14 יאנואר 8 אוונט פראקטישע לעקציע
פאר יורישער געזעלשאפט און אויך יעדען שבת,
אויך דינסטאג, דאנערשטאג און זונטאג אווענד.
מוזיק - קווארטעט. איטאליענישע הארמאניע.

צוגענגליכע פרייזען.
איך פערדינג מיין לאקאל אויף בעלער, טאנץ-אווענדען, דאנסינגען און אנדערע געזעלשאפטליכע אימפרעזעס.

Zarząd Koła Akademików-Żydów w Częstochowie komunikuje, że w sobotę, d. 14 b. m. o godz. 20 odbędzie się w lokalu własnym Aleja 20 referat n. t „Najnowsze teorje fizyczne".

געז. „גמילת חסד", אגראדאווא 6

זונטאג, ד. 22 יאנואר, 4 א זייגער נאכמיטאג
קומט פאר **די יעהרליכע אלגעמיינע פערזאמלונג**
פון דער געזעלש. **„גמילת חסד"**, אין אייגענעם לאקאל **אגראדאווא 6**

מיט פאלגענדען טאג-ארדנונג:

1) ערעפנונג פון דער פערזאמלונג דורכ'ן פרעזעס. 2) וואהלען פון א פארזיצענדען. 3. טעטיגקייט און קאסע-בעריכט. 4) וואהלען פון א פערוואלטונג. 5. וואהלען פון א רעוויזיאנס-קאמיסיע. 6) בודזשעט אויפן 1933 י. 7) פרייע פארשלאגען.

בעמערקונג: אין פאל, ווען עס וועלען צום בעשטימטען טערמין נישט זיין אנוועזענד די גענוגענדע צאהל מיטגלידער, וועט די פערזאמלונג פארקומען דעם זעלבען טאג 5 א זייגער אווענד, אין זעלבען לאקאל און וועט זיין גילטיג ביי יעדע צאהל אנוועזענדע מיטגלידער.
די פערוואלטונג.

Ceny normalne | **Mile i bez troski** | Ceny normalne

spędzisz czas w najlepszym towarzystwie
w najstarszej cukierni

A. Błaszczyńskiego, Aleja № 13

TELEFON 276.
gdzie codziennie od 6—11 wiecz odbywa się
KONCERT-DANCING
pod dyr. S. ZAJDMANA.
Korzystaj z okazji.
Ceny normalne | Ceny normalne

טעלעגראם! ראטעוועט אייער געזונד!
אהן בלוט און אהן מעססער! היט אייך פאר פערקריפלונג!
קומט עס זאל נישט זיין צו שפעט!



ליידענדע אויף פערשידענע נעבעכליכקייטען און קערפער-פערקריפלונגען-רעטונג, הילף, רפואה פאר ברוך-קראנקע מענער, פרויען און קינדער — פערנאכלעסיגט אייך נישט, ווייל דער ברוך ווערט גרויס ווי א מענשען קאפ און ווי א מעסער-קאן און קאן זיין לעבענס-געפעהרליך אין ברענדיגע וועגען. איך נעם אויף לעדענדע: 1) בראכען, בויכבראכען, נאבעלברום-טוטער-בראכען און הענגע-בראכען, 2) פערקריפטע פלייצעס (הויקערס,) לעהמונגען, אלערליי פוס-פערקריפלונגען, פאר פרויען מיט געשוואלענע פוס—גומענע זאקען, פאר פעט-לייביגע ספעציעלע גומענע באנדאזשען, וואס מאכען די פיגור. דער קראנקער ווערט געהיילט מיט ספעציעלע גומענע הייל-באנדאזשען און אנאטאמישע מאסאזשען, פאר פערקרומטע פלייצעס—גארסעטען און ארטאפעדישע אפאראטען ווי אויך גימנאסטיק.
אויב איהר ווילט אייערע יאהרען אויסלעבען אהן אפעראציעס, ווענדעט אייך צו דער אויסלענדישער ספעציאליסט, וועלכע בעזיצט א 20-יעהריגע פראקטיק און איז געקומען נאך טשענסטאכאו **און בלייבט אויף א לענגערע צייט** און נעמט אן

א גאנצען טאג אין האטעל קאליסקי, פילסודסקי 1, צימער 8.

דיר. ראפאפארט.

בעמערקונג: צוליעב דער זעהר שווערער צייט זעהר ביליגע פרייזען

נ"ע

בלימה פון דערהיים סאלדין בארזיקאווסקא

ג. הויז-בעזיצערין
איז געשטארבען נאך קורצע און שווערע ליידען
אין עלטער פון 63 יאהר.
די לויה איז פארגעקומען דאנערשטאג, דעם 12 יאנואר
(י"ד טבת 1933 תרצ"ג)
גלייכצייטיג דאנקען מיר די אלע, וועלכע האבען אנטייל גענומען אין דער לויה און אבגעגעבען דעם טהייערן נפטר דעם לעצטען כבוד
די אין טרויער פערבליבענע
מאן, זיהן, טעכטער, שנור, איידעמס און אייניקלעך.

מיר נעמען אנטייל אין צער פון דער פאמיליע **בארזשיקאווסקי**
צום טויט פון זייער **פרוי** און **מוטער**
נ"ע **בלימה**
המקום ינחם אותם בתוך שאר אבלי ציון וירושלים.
שלמה שפאלטען און פרוי, יאקוב שפאלטען און פרוי
העניק שפאלטען און פרוי.

דעם טיעפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס דעם ה' **אברהם בארזיקאווסקי** צום טויט פון זיין **מוטער**
נ"ע **בלימה.**
זייט געטרייסט!
יוסף ווייס און פרוי, אברהם ווייס און פרוי.

און וואס איז ביי אונז?

אין אלע יודישע קהלות אין פוילען וואו עס עקזיסטירען גמילת-חסדים-קאסעס, ווערט יעצט ווי בעוואוסט אדורכגעפיהרט דער אזוי-גערופענער הילפס-חודש.

דאס איז אנ'אקציע, וועלכע האט די אויפגאבע צו פערגרעסערן און פערברייטערן די טעטיגקייט פון די דאזיגע קאסעס, דורכ'ן שאפען פאר זיי נייע קאפיטאלען, ווערבירען מיטגלידער וואס זאלען צאהלען א שטענדיגען מאנאטליכען בייטראג, איינארדנען פערשידענע אונטערנעהמונגען וועלכע זאלען ברענגען א הכנסה צו דעם צוועק, און בכלל איז די אקציע פארגעזעהן צו שאפען פאר די גמילת-חסדים די סומע פון 1 מיליאן זלאטעס.

די גאנצע יודישע פרעסע אין פוילען ווידמעט דעם דאזיגען הילפס-חודש ספעציעלע ארטיקלען און נאטיצען אין וועלכע די יודישע בעפעלקערונג צו אלע איהרע שיכטען און ריכטונגען ווערט גערופען זיך צו בעטייליגען אין דער דאזיגער וויכטיגער אקציע. די צענטראלע פון די גמ"ח קאסעס אין ווארשא שטעהט אויף דער וואך און הערט נישט אויף צו וועקען און רופען די פוילישע יודען, און זיי דערמאנען אין דער הייליגער פליכט וואס ליגט אויף זיי מיטצוהעלפען צום גרויסען ערפאלג פון דער הילפס-אקציע.

און עס ווייזט זיך ארויס, אז קיין שום יודישע אונטערנעהמונג אין וועלכער הינזיכט עס זאל נישט זיין, האט זיך נאכנישט ערווארבען אזא אונגעהויערע סימפאטיע און אנערקענונג ווי די גמ"ח קאסעס, עס ווערט אנגעוויזען אז אפילו די מלוכה - ארגאנען וואס ווייזען קיינמאל נישט ארויס קיין אינטערעס פאר די יודישע אונטערנעהמונגען האבען געבראכען זייער פרינציפ לגבי די גמ"ח קאסעס, און בעשטימט פאר זיי די סומע פון 75 טויז. זלאטעס, וואס עס איז א זעהר בעדייטענדע סומע אין בעצוג צו אנדערע אונטערשטיצונגען וואס עס בעקומען יודישע אינסטיטוציעס, וועלכע זענען זעהר נישטיגע און מינימאלע. די פערשידענע מיניסטעריום'ס און זייערע צירקולארען רעקאמענדירען די גמ"ח קאסעס פאר זייערע אונטערארדענטע צו ענטגעגענקומען און מיטהעלפען אין זייער טעטיגקייט, און דאס זעלבע איז אויך ביי די קאמונאלע אינסטיטוציעס וועלכע געפונען זיך אליין כמעט אין אלע שטעדט אין א שווערען געלד-מאנגעל, און פארט זעהט מען אין פיעל שטעדט אז די גמ"ח קאסעס ווערען דורך די מאגיסטראטען און שטאדט-ראטען סובסידירט.

עס איז שוין זאגאר אזוי ווייט דערגאנגען אז די אנטיסעמיטישע פרעסע איז אונז יודען מקנא מיט דעם דאזיגען אזוי וויכטיגען אויפטהו פון שאפען א פאנד, וועלכער זאל געבען אריםע קליינהענדלער און האנדווערקער אהנפראצענטיגע הלוואות מיט וועלכע זיי קענען עקזיסטירען און פיהרען זייער האנדעל אדער האנדווערק.

אויף אנ'אנדער ארט אין דעם נומער געבען מיר א נאטיץ וואס איז אונז צוגעשיקט געווארען צווישען אנדערע מאטעריאלען פון דער גמ"ח צענטראלע. פון דעם דאזיגען נאטיץ איז צו זעהן אז די יודישע בעפעלקערונג אין אלע שטעדט ווי נאר די דאזיגע קאסעס עקזיסטירען, ווענדעט אן אלץ וואס איז נאר מעגליך זייער קאסע צו פערגרעסערן און פערשטארקען, ווייל זיי זעהען אין איהר די איינציגע הילף און רעטונג אין דער יעצטיגער שווערער צייט.

און וואס איז ביי אונז אין טשענסטאכאוו?

אויך ביי אונז אין שטאדט עקזיסטירט אזא גמ"ח קאסע, וועלכע איז ענטשטאנען צוגלייך מיט די קאסעס און אנדערע שטעדט, און אזוי ווי איבעראל גיט זי ארויס הלוואות, דורך וועלכע הונדערטער פאמיליעס בעקומען עקזיסטענץ-מעגליכקייטען, און עס איז דאך קיין ספק נישט אז אויך ביי אונז איז די קאסע נישט ווייניגער נויטיג ווי אין אנדערע שטעדט, אבער פארט זעהט מען נישט אז עס זאל געפיהרט ווערען א וועלכע ס'איז טעטיגקייט ספעציעל אין דעם יעצטיגען הילפס-חודש, וועלכער איז שוין באלד צו ענדע.

מיר האבען שוין אנגעוויזען אז אויב די „פאליטישע" קאמפען וואס קומען פאר אין דער קהלה זאלען זיך אברופען אויך אויף דער גמ"ח קאסע וואלט דאס געווען פשוט א פערברעכען געגען דעם גאנצען היגען יודישען כלל, ווייל אזא אינסטיטוציע וואס ווערט אזוי שטארק געאכט און געשעצט פון אלע אפילו פון נישט-יודען וועלכע געפונען אז דאס איז דאס וויטיגסטע און וויכטיגסטע אין דער היינטיגער צייט, טאר מען נישט אנריהרען אפילו מיט'ן קלענסטען פינגער. און דאס פעראורזאכען דעם דאזיגען אנשטאלט דעם מינדעסטען שאדען איז א אונפערצייהליכע זינד.

אין פויריגען נומער האבען מיר געבראכט די ידיעה אז ווען דער פארשטעהער פון „דזשאינט" ה' גיטערמאן האט געוויילט ביי אונז אין שטאדט די פויריגע וואך איז בעשלאסען געווארען אויף א קאנפערענץ צו רעארגאניזירען די קאסע ביי אונז אין שטאדט דורכ'ן פערוואנדלען זי, אזוי ווי אין אנדערע שטעדט, אין א בעזונדערע געזעלשאפט, וואס זאל זיך ווערבירען מיטגלידער פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג, די מיטגלידער זאלען צאהלען א חודש'ליכען בייטראג אנהויבענדיג פון 50 גר. און זאלען אויסוועהלען א פערוואלטונג, דאביי איז אויך געזיכערט געווארען דער קהלה א געוויסען איינפלוס אין דעם פערוואלטען מיט די קאסע-געלדער.

דאס איז א גאנץ ריכטיגער און פראקטישער שטאנדפונקט, ווייל אין דער דאזיגער קאסע טאר נישט הערשען קיין שום פארטייאישקייט, די דאזיגע אינסטיטוציע מוז זיין ריין, עהרליך, און ציכטיג אהן שום זייטיגען בייגעשמאק, מען טאר דארט בשום אופן נישט אריינפיהרען דעם פארטיי-שמוץ וואס געפונט זיך אומעטום און מאכט פון אלעם א תל.

צוגלייך מיט דעם האט מען אונז איבערגעבען אז דאס פראוויזאריום וואס איז געשאפען געווארען צו פערוואלטען צייטווייליג מיט דער קאסע (ביז דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון די מיטגלידער) זאל זאפארט צוטרעטען צו א אינטענסיווער טעטיגקייט, אויסנוצענדיג דעם פראקלאמירטען הילפס-חודש ווען די אלגעמיינע שטימונג איז פאר די קאסעס, און פארט העו"ט מען אבסאלוט נישט אז עס זאל עפיס געטהון ווערען.

אמת די קהלה איז אפשר נאכנישט אינגאנצען פערטיג מיט'ן בודזשעט, אבער דאס טאר דאך ביי קיין פאל נישט פעראורזאכען, אז עס זאל פערנאכלעסיגט ווערען די טעטיגקייט פון דער גמ"ח קאסע, און דערצייט ווען איבעראל ווער'ט דאס געטהון מיט'ן גרעסטען ברען.

עס וואלט געווען די גרעסטע חרפה פאר אונזער שטאדט, אז מיר זאלען בלייבען הינטערשטעליג פון אזא גרויסער און וויכטיגער זאך, אז מיר זאלען זיך שפילען אין פארטיי שפילעכלעך, אין בענקיל-זיכעריי און דערווייל זאלען מיר פערנאכלעסיגען א אנשטאלט, וועלכער איז אפשר דער וויכטיגסטער און נויטיגסטער אין דער איצטיגער שווערער צייט.

די קהלה-פארשטעהער מוזען דאך געדענקען, אז פארט זענען זיי געוועהלט פון פאלק, און זיי מוזען זיך רעכענען מיט די נויטען און בעדערפנישען פון זייערע וועהלער, פון דער היגער יודישער בעפעלקערונג.

י. פ.

וואס זאלען מיר זיי ענטפערן?

(געוואנדען צו דער פערוואלטונג פון ז. א. פ. ע.)

דער שטרייק וואס איז אנגעפיהרט געווארען דורך די אבאנענטען פון עלעקטרישען שטראם געגען דער עלעקטראווניע איז אזוי ווי פון זיך אליין ליקווידירט געווארען, אזוי אז די היגע בעפעלקערונג ווייסט נישט אויב דער שטרייק עקזיסטירט, דאס הייסט אויב מיר שטעהן ווייטער אין קאמף מיט דער עלעקטראווניע, אדער נישט.

און די זאך איז וויכטיג צוליעב דעם וואס די עלעקטראווניע האט דאך איינגענטליך כלומר'שט „נאכגעגעבען", און געמאכט פאר די אבאנענטען געוויסע „הנחות", ווי זי האט פערעפענטליכט זיינער צייט, אז די וואס שרייבען אונטער אנ'אבמאך אז זיי זענען מסכים אויף די געגעבענע „הנחות", בעקומען א קילאוואט פראצענט מיט 8 גראשען ביליגער, אויך א פערקלענערטען אבצאהל פון ליטשניק, און אויסער דעם בעקומט דער אבאנאמענט נאכ'ן בענוצען א געוויסע צאהל קילאוואטען א חודש, א ספעציעלע פרייז הנחה ביז 40 פראצ. פונ'ם גרונד-פרייז.

די פערוואלטונג פון די עלעקטריע-אבאנענטען האט זיינער צייט אויפמערקזאם געמאכט אז דאס זענען כלל נישט קיין הנחות, און מיט דעם איז די עלעקטראווניע נור אויסען ארייצונארען די קאנסומענטען אז יעדער זאל ברענען וואס מעהר כדי צו בעקומען א פרייז-הנחה און דערווייל וועט יעדען קאסטען טייערער, ווייל ער וועט דאך בענוצען מעהר פראנט. אויך די כלומרש'טע הנחה פון 8 גר. פון קילאוואט, האט אויך נישט קיין בעדייטונג.

אבער פארט האבען זיך באלד געפונען מענשען וואס האבען אויף דעם נישט געקוקט און זענען אוועק אין דער עלעקטראווניע און אונטערגעשריבען דעם אבמאך.

צו אונז אין רעדאקציע האבען זיך דאן געוואנדען פערשידענע מענשען מיט דער אנפראגע וואס זיי זאלען טהון, ווארים ווי עס זאל נישט זיין איז דאך פארט אונטערשרייבענדיג דעם אבמאך מיט דער עלעקטראווניע קאנען זיי זיך איינבראנגען עטליכע זלאטעס א חודש, מען האט אונז אויך ערקלערט אז הונדערטער מענשען שטעהען אין דער רייהע אין דער עלעקטראווניע, וועלכע זענען געקומען אהין אונטערצושרייבען דעם אבמאך, מיר האבען אבער ערקלערט אז ס'איז נישט ריכטיג אנצונעמען די „הנחות" פון דער עלעקטראווניע, ווייל מיט דעם הייסט שוין אז מען אקצעפטירט איהר שטעלונג און מען איז פון דעם צופרידען, און דאס שוואכט אב דעם קאמף וואס מוז אומבעדינגט ווייטער געפיהרט ווערען ביז די עלעקטראווניע וועט געבען די אבאנענטען א פאקטישע הנחה (אזוי ווי מען זעהט למשל אין ווארשא) פון א 30—40 פראצענט, נישט גלאט צווארפען א ביינדיל.

זעלבסטפערשטענדליך, קענען מיר נישט וויסען אויף ווי ווייט אונזערע ווערטער האבען געווירקט, און אויב אלע האבען זיך צו דעם צוגעפאסט, אבער א פאקט איז אז עס קומען צו אונז כסדר מענשען, און דוקא אזעלכע וואס ווילען זיך נישט מוציא זיין פון כלל, און פרעגען אונז וואס זיי זאלען טהון. מיט יעדען חודש וואס געהט אוועק, איבערהויפט אין די ווינטער-חדשים, (ווען מען ברויך מעהר קראפט) קאסט זיי עטליכע זלאטעס טייערער, און ווייל זיי האבען דעם אבמאך מיט דער עלעקטראווניע נישט אונטערגעשריבען, און דער קאמף זעהט מען פיהרט זיך שוין סיי ווי נישט, טא צו וואס זאלען זיי גלאט היזק האבען געלד.

מיר אליין זענען אויך אין דער זאך נישט גענוי בעקאנט, און מיר ווייסען נישט אויב די פערוואלטונג פון ז. א. פ. ע. האט שוין דעם קאמף אינגאנצען אויפגעגעבען, ווארום לעצטענס לאזט זי זיך אינגאנצען נישט הערען, און עס וואלט דאריבער געווען זעהר וויכטיג אז זי זאל אויפקלערען דער היגער בעפעלקערונג איהר שטעלונג בנוגע די לעצטע הנחות פון דער עלעקטראווניע און זאלען מיר אויך וויסען וואס מיר האבען צו ענטפערן די דאזיגע מענשען.

די ענטלאפענע. (37

ראמאן פון יודישען לעבען אין דייטשלאנד אין 18-טען יאהר-הונדערט.

פון י. איזאקזאהן.

(פארטזעצונג)

יעקב משה'ס פרוי האט זיך אויפגעכאפט און אויסגעשריגען:

וואס זאגסטו? א בריעף פון חנה'לען? און זי האט אויסגעבראכען אין א שרעקליך געוויין.

יעקב משה איז געווארען אויסערגעוועהנליך דענערווירט, אזוי אז אויפרייסענדיג דעם קאנווערט האט ער כמעט דעם גאנצען בריעף צוריסען, אבער ענדליך האבען ביידע גענומען לעזען פאלגענדעס:

טייערע עלטערן.

איך ווייס זאגאר נישט אויב איך אינטערעסיר אייך, און אויב איהר זארגט עפיס וועגען מיר, עס קען מעגליך זיין, אז איהר האט שוין פערגעסען אין אייער זינדיגער טאכטער, נאר איך גלויב אז אויב דער ליעבער פאטער האט מיך פערגעסען, בין איך אבער דאך אלץ די איינציגע טאכטער פון מיין ליעבע מוטער, וועלכע האלט מיך נישט פאר קיין פערברעכען, און דאריבער שרייב איך אייך אז איהר זאלט וועגען מיר נישט זארגען, איך געפון זיך אין ווארשא, און בין געזונד.

אין מיין בריעף, וואס פ'האב איבערגעלאזט בעת מיין אבריייזען, האב איך איבערגעגעבען פארוואס איך האב געמוזט פערלאזען אייער הויז. איך האלט מיך ווייטער ביי מיין בעשלוס און מיין געוויסען איז פולשטענדיג רוהיג, אבער אזוי לאנג ווי איך וועל נישט וויסען אז איהר פערשטעהט מיך, אז איהר בערעכטיגט מיין האנדלונג, וועל איך זיך אין אייער הויז נישט אומקעהרען.

זייט הערצליך געגריסט פון אייער חנה'לע.

ביידע, יעקב משה און זיין פרוי זענען געבליבען זיצען שטיל נאכ'ן דורכלעזען דעם בריעף, פון ביידענס אויגען האבען זיך געגאסען טרעהרען, ענדליך האט די פרוי געזאגט:

געלויבט ביזטו גאט אז מיין איינציג קינד לעבט און איז געזונד, אבער ווי זעהט מען זי, ווי קומט מען צו איהר, איך וואלט איהר אלץ געשענקט, אלץ נאכגעגעבען אבי זי זאל קומען, איך זאל נאך זוכה זיין זי צו זעהען.

יעקב משה האט קיין ווארט נישט געענטפערט, ביי איהם אין הארצען איז יעצט פארגעקומען אנ'אינערליכער קאמף, עס האבען געקעמפט צווישען זיך די פאטערליכע ליעבע צו זיין איינציג קינד, וועלכע האט זיין הארץ ווייכער געמאכט און געוואלט אז ער זאל זיין טאכטער פערשטעהן. באלד איז אבער געקומען דאס הארטע אונבארמהנות'דיגע געפיהל פון פאנאטיזם און כבוד-זוכעריי וועלכעס האט איהם דערמאנט אין דעם רב, אין דעם חתן, וועלכער איז אזא גרויסער למדן, און ווידער די מעשה מיט'ן לעהרער אלפרעד פון וועלכער ער האט זיך אלץ נישט געקענט בעפרייען, און אט איז ער „פערהארטעוועט געווארען און זיך אבגערופען צו זיין פרוי:

זי האט שוין אפשר רעכט מיט איהר שרייבען, אויב אנ'איינציג קינד קען אזוי האנדלען געגען איהרע עלטערן, וועלכע האבען זי ערצויגען און פון איהר אזוי פיעל אויסגעשטאנען, איז זי שוין אפשר נישט ווערט אז מען זאל וועגען איהר געדענקען און טראכטען.

אזוי איז שוין די נאטור פון מענשען, אזוי לאנג ווי יעקב משה האט פון זיין טאכטער קיין ידיעה נישט געהאט האט ער נישט אויפגעהערט צו וויינען און קלאגען, און ער איז גרייט געווען דאס גאנצע פערמעגען אוועקצוגעבען פאר דער מינדסטער ידיעה פון איהר, און איצט ווי נאר ער האט ערהאלטען איהר בריעף און זיך דערוואוסט אז זי לעבט און איז געזונד, האט זיך באלד אין איהם צוריקגעשיקט זיין קרענקליכע פאנטאזיע, זיין נארישער פאנאטיזם, און ער האט זיך מעהר גערעכענט מיט דעם וואס נארישע מענשען וועלען זאגען, ווי מיט דעם גליק פון זיין איינציג קינד.

אבער זיין פרוי האט נישט געקענט הערען די ווערטער וואס איהר מאן האט ארויסגעזאגט און זי האט זיך אבגערופען:

דו זינדיגסט געגען גאט יעקב משה, אנשטאט וואס דו ביזט צופרידען זיין וואס אונזער קינד לעבט און איז געזונד, האסטו נאך צו איהר טענות, זי איז א עהרליכע יודישע טאכטער, און ווען איך זאל וויסען אז כ'וועל זי געפונען וואלט איך געלאפען צו איהר אפילו אין עק וועלט אריין.

ערשט איצט האבען זיך ביידע דערמאנט אז דער בריעף איז פון ווארשא, און יעקב משה האט געזאגט:

נו, דו קענסט דאך צו איהר פאהרען קיין ווארשא.

דו ביזט גערעכט—האט די פרוי געענטפערט—כ'האב גאר געהאט פערגעסען אז דער בריעף איז פון ווארשא, איך וועל טאקי צו איהר פאהרען און מיט איהר רעדען.

אבער דו ווייסט דאך נישט וואו זי געפונט זיך אין ווארשא, און וואו וועסטו זי זוכען אין דער דאזיגער גרויסער שטאדט וואו דו ביזט פרעמד און זינט דיין לעבען ביזטו נאך אין קיין פרעמדער שטאדט נישט געוועזען.

און ווידער האבען זיי ביידע זיך ערשט איצט דערמאנט אין זייער פריינד דוד רייכמאן וואס וואוינט אין ווארשא און די פרוי האט געזאגט:

אין ווארשא וואוינט דאך דיין פריינד רייכמאן...

אבער זי האט איבעררייסען אין מיטען ווייל דערמאנענדיג זיך דעם נאמען רייכמאן איז איהר געקומען אין קאפ א שרעקליכער געדאנק, זי האט זיך דערמאנט אין דעם יונגען אדאלף רייכמאן וואס איז ביי זיי געווען אין דער צייט פון דער מעסע, און ווי אזוי זי האט אויף איהם געקוקט מיט חשד אז ער זאל זיך נישט פערליבען אין חנה'לען און ווי אזוי זי האט איהם פשוט ארויסגעטריבען פון איהר הויז.

אויך איהם, יעקב משה'ן, זענען די-זעלבע געדאנקען געקומען, ער האט זיך מעהר אריענטירט, און מאמענטאל איז איהם קלאר געווארען אז דער יונגער רייכמאן האט א גרויסען אנגעהער מיט'ן פערשוואונדען פון זייער טאכטער.

ווי פערנארט מיר זענען געווען — האט יעקב משה געזאגט — אז מיר האבען נישט באלד פערשטאנען וואס דא איז פארגעקומען. איך דערמאן זיך ערשט יעצט, אז דער יונגער רייכמאן איז אוועקגעפאהרען פון פראנקפורט כמעט דעם זעלבען טאג וואס חנה'לע איז פערשוואונדען געווארען, און מיר שיינט, אז ער האט אפילו נישט געווארט ביז די מעסע האט זיך געענדיגט, און ווי אזוי איז אונז ביז איצט נישט געקומען אויפ'ן געדאנק, אז ער האט זי מיטגענומען מיט זיך קיין ווארשא.

אויך די פרוי האט זיך אנגעהויבען בעטראכטען און ס'איז איהר קלאר געווארען, אז דאס האט דער יונגער רייכמאן מיטגענומען חנה'לען מיט זיך, און זי איז אינערליך אין הארץ זעהר צופרידען געווען, וויסענדיג, אז אויב ס'זאל אזוי זיין, געפונט זיך דאך חנה'לע אין א זיכער הויז ביי רייכמאנ'ען, און זי האט געוואלט ארויסרופען א פרייד-געשריי פון דאזיגען געדאנק, אבער אין דער מינוט האט יעקב משה אויסגעשריגען:

עס איז קיין ספק נישט, אז דער דאזיגער לאבוז האט אונזער טאכטער אנגערעדט דאס זי זאל מיט איהם ענטלויפען, איז אבער מעגליך, אז דוד רייכמאן זאל אויך וועגען דעם וויסען? ער איז דאך א פרומער עהרליכער יוד, וועט ער דערלאזען צו אזא זאך? ווען עס וואלט מיר נישט צו שווער געווען פאהר איך זאפארט קיין ווארשא, און ביי די האר וואלט איך זי אהיימגעשלעפט. אבער איך פיהל זיך שוואך און ערשוטערט צו קענען מאכען אזא ווייטע און שווערע רייזע.

איך בין גענוג שטארק — האט די פרוי אויסגערופען — די גרויסע לוסט צו זעהען אונזער חנה'לען וועט מיר צוגעבען כח, און איך וועל קענען אדורכמאכען די רייזע.

רעד נישט קיין נארישקייטען — האט יעקב משה געענטפערט — פאר דיר איז דאס א אונמעגליכע זאך. בעזונדער גלויב איך נישט, אז דוד רייכמאן ווייסט וועגען דעם. עס קען זיין אז דער יונגער לאבוז האט זי מיטגענומען און ער האלט זי ערגיץ בעהאלטען אהן דעם וויסען פון זיינע עלטערן.

א לענגערע צייט האבען זיי נאך צווישען זיך גערעדט, און ענדליך איז געבליבען אז יעקב משה זאל שרייבען א בריעף צו דוד רייכמאן, און ערפאהרען גענוי וואס מיט חנה'לען איז.

(פארטז. קומט)

מ. רוזעוויטש.

ארץ-ישראל אדער ארץ-ההסתדרות?

2.

(סוף).

ווענען א פארלאמענט אין א"י, צו וועלכען מען גרייט אונז לאנגזאם צו ווייל איך אביסעל פרייטער ארומרעדען און זעהען און לערנען פון אזא עהנליכע פארלאמענט - געשיכטע, וועלכע עס האבען שוין מיטגעמאכט אנדערע אראבישע פראווינצען, וועלכע ווערען אויך פערוואלטעט דורך א מאנדאטאר און צוואר דורך פראנקרייך. דאס זענען די פראווינצען לבנון און סיריען, וועלכע געהערען צו דעם פראנצויזישען מאנדאט.

אין לבנון איז שוין מיט 6 יאהר צוריק געשאפען געווארען א פארלאמענט מיט וואהלען, מיט אלעם דעם, וואס איז דערמיט פערבינדען, אין מאי פון פערגאנגענעם יאהר, ד. ה. נאך 6 יאהר איז דער פארלאמענט אבגעשאפט געווארען, און ס'איז אינטערעסאנט צו לעזען וואס דער „טיימס", די אנגעזעהענסטע ענגלישע צייטונג, שרייבט: דאס אבשאפען דעם פארלאמענט האט ערשט געלאזט די בעפעלקערונג פריי אבעטעמען. די 6-יעהריגע ערפאהרונג האט געוויזען, אז דער פארלאמענטארישער רעזשים איז נישט צוגעפאסט פאר לבנון, אז פראפעסיאנעלע פאליטיקער האבען בעקומען די מעגליכקייט אויסצוטראכטען נייע אמטען, אנצוזאמלען זיך פערמעגענס און צו בעלאסטען די מלוכה-קאסע מיט נישט קיין בערעכטיגטע אויסגאבען.

„עס איז איינגעפיהרט געווארען א ממש רויבערישער שטייער-סיסטעם און יעצט פרעגט זיך דאס פאלק, פארוואס האט מען נישט פריהער אבגעשאפט דעם פארלאמענט? און צוריקגעשטעלט דעם בודזשעט פון לאנד צו דער מינימאלער הויך, ווי ער האט זיך געפונען פאר דעם איינפיהרען דעם פארלאמענט".

שילדערענדיג דאס פאליטישע לעבען אין סיריען, וועלכעס איז געשאפען געווארען דורך די פראנצויזען א דאנק דעם פארלאמענטארישען רעזשים שרייבט ווייטער דער „טיימס": „דורך דעם פארלאמענט אין סיריען האט זיך דער עקסטרעם נאציאנאלער אראבישער איינפלוס געשטארקט און די גאסען-דעמאגאגיע האט בעקומען אן'אונגעהויערע מאכט. דאס גאנצע לאנד איז פערוואנדעלט געווארען אין א קאכעדיגען קעסיל דורך אגיטאציע און טעראר, די שטעדט זענען געווארען ארענעס פון באמבען-אטענטאטען, מארדען, שטרייקען און דעמאנסטראציעס, אין די מעטשעטען ווערען געהאלטען העצערישע רעדעס נעגען דעם פראנצויזישען מאנדאט, ווי אויך געגען די מעסיגע אראבער, וועלכע זענען פאר'ן מאנדאט".

די נאציאנאליסטישע פיהרער פון די אראבער דראהען שוין, אז אויב די רעגירונג וועט נישט שליסען קיין אבמאך מיט'ן לאנד (אזוי ווי ענגלאנד מיט איראק) וועלען זיי פערלאזען דעם פארלאמענט און איבערגעהן צום אפענעם קאמף.

אין די אויבענדערמאנטע לענדער איז יעצט קלאר געווארען: 1) דאס די מיינונג, אז מען קען איינצוימען די אראביש - פאליטישע אפעטיטען דורך איינפיהרען א פארלאמענט האט פולשטענדיג באנקראטירט, פערקעהרט, דער פארלאמענט דיענט נאר אלס אייל אויפ'ן פייער פון דעם אריענטאלישען עקססעז, 2) אז דער פארלאמענטארישער רעזשים פיהרט — אונטער דעם דרוק פון די אויפגעוועקטע כחות — צו א לעגאליזירטען רויב צו גנבה און אויספרעסונג אויפ'ן חשבון פונ'ם שטייער-צאהלער.

נעמט מען דאס אלץ אין בעטראכט קאן מען זיך פארשטעלען וואס פאר א פאלגען א פארלאמענט קען ברענגען אין א"י.

עס איז דאך נישט קיין סוד, אז די פאליטישע אפעטיטען און אמביציעס פון די א"י אראבישע רעדעל - פיהרער זענען נישט קלענער ווי די אפעטיטען פון זייערע פריינד אין סיריען.

פאלעסטינא איז אין דער פארלאמענטס-פראגע אין א פיעל ערגערער לאגע, ווייל אין יענע לענדער זענען פערהאן פיעל שטרייטיגקייטען צווישען אראבישע פעלקער גופא און אין פאלעסטינא זענען פערהאן פראבלעמען ווי די איינוואנדערונג פון יודען, קאלאניזאטארישע שוץ, א לעגענדע וועגען אן'אראבישער ערדלאזיגקייט, יודישע פאגראם-עראינערונגען און פיעל, פיעל אנדערע פראבלעמען, וואס א דאנק זיי קאנען די רעזולטאטען פון פארלאמענטאריזם זיין פיעל, פיעל סרוויריגער.

דער אראבישער פארלאמענטאריזם אין א"י וועט מיט דרייסטקייט רעדען וועגען זיין קאמף געגען א פרעמדער יודישער אינוואזיע, טעגליך וועט מען קיין אייראפא און אמעריקא טעלעגראפירען די רעדעס פון די אראבישע פאלקס-פערטרעטער און דערצעהלען „די יודישע עוולות" און ז'י יודען וועלען שוין פערשפארען צו דערלאנגען אנקלאגעס צום ענגלישען בעאמטען.

די זאך איז קלאר און מיר רעוויזיאניסטען זאגען: אז יעדער פרוב אין יעצטיגען קאלאניזאציאנס-סטאדיום איינצופיהרען אין א"י א פארלאמענט אין וואסער פארם ער זאל נישט זיין, וועט אויפגענומען ווערען דורך דער גאנצער יודישער עפענטליכער מיינונג אלס אפענע קריעגס-ערקלערונג, עס איז וויכטיג, אז די מאסגעבענדע קרייזען זאלען זיך דעריבער פערטראכטען.

אקטועלע קולטור-פראגען.

מעגליך, אז מאנכע אויסגעפרובטע, תמיד פערשמייעטע כלל-טהוער וועלען שמייכלען איראניש בלויז ביים איבערלייענען דאס קעפיל פון דאזיגען ארטיקעל: „בטלנים, איז דען היינט דא צייט—איבערהויפט פאר אונז פערזארגער—צו פערנעמען זיך מיט אזאלכע לוקסוס-פראגען בעת מיר זענען שקועים אין ענינים העומדים ברומו של עולם" — פונדעסטוועגען נעם איך מיר די „דרייסטקייט" צו בעריהרען די ווייטערדיגע ענינים פאר די, וואס די פראגען זענען באמת אקטועל און נאהנט צום הארצען. און נישט קוקענדיג, וואס די ווייטער-בעריהרטע פראגען זענען שוין בעהאנדעלט געווארען אין דער פרעסע, וועלכע האט מ'שטיינסגעזאגט א „ווארימע" בעציהונג צו די ענינים—האלט איך פאר נישט איבריג וועגען דאזיגען ווייטער צו רעדען און שרייבען, ווייל מיר האבען זיך עד עתה נישט ארויסגעריסען פון אונזער געזעלשאפטליך-קולטורעלער טעמפקייט, אפאטיע און פערגליווערטקייט.

א.

„לירא".

דאס יודיש-געזעלשאפטליכע טשענסטאכאוו האלט זיך—צום בעדויער—בבחינת גבירה'טע: א ספעציעל צימער פאר יעדען קינד מיט א בעזונדערער באנע אפילו. זענען פערהאן אין טשענסטאכאוו, לאמיר זאגען, עטליכע הונדערט יוגענדליכע, וואס פערנעמען זיך עטוואס מיט ספארט, זענען געשאפען געווארען ביד רחבה, גביריש, דריי פעראיינען: אן'אסימילאטארישער, וואו מ'שפילט פינג - פאנג „אוודאי" עפ"י „נוסח אסימילאציע", א צווייטער אונפארטייאישער און א דריטער א ריינציוניסטישער, ד. ה. אז אזוי ארום האבען מיר ב"ה דריי ספארט-פרעזעסען, דרייפאכיגע אדמיניסטראציע-אויסגאבען און דריי פערוואלטונגען, וואס זארגען ווי אזוי צו בעצאהלען דאס דירה-געלד. (אגב: כ'ווייז נישט אן די שולדיגע, ווייל ס'זענען שוין געמאכט געווארען דורך איינצעלנע פרובען צו א פעראייניגונג, נור כ'קאנסטאטיר די אמת'ע זאך-לאגע).

דאס זעלבע איז אויך מיט'ן לינגוויסטען - קלוב, אזא מין „ווענעציא" ספעציעל אויף ליאדעס, אהן שום איבערלאגע און אבסאלוטער איגנארירונג פון העברעאיש און יודיש, ווייל דארט מוז מען „ספיקען", „פארלעווען" אדער „שפרעכען" רעדען דארט איז נישט דערלאזבאר.

איצט צום עצם ענין:

מאדנע, די אלע פרובען, וואס זענען געמאכט געווארען — און טיילמאל דורך מענשען מיט גוטען ווילען — בכדי צו שאפען א געוויס קולטור-ווינקעל, זענען נישט געלונגען. אדער זיי האבען נישט מאריך ימים געווען. וואס איז די הויפט-סבה?

מיר האבען פערגעסען אין איין לעבענס-ערשיינונג, אז דער, וואס האט „ממתקים" קען זיך ערלויבען צו וואוינען אין זעקס שטובען און אויסקלערען ווי זיי זאלען הייסען, און דער ארימאן קאנצענטרירט בעל-כרחו די קוך, עסצימער, שלאף-צימער, אויפנאהם-שטוב א. ז. וו. אין דער קוך, און די אלע אפארטאמענטען רופט ער אן בקיצור: שטוב. אויף דעם, וואס ס'קענען זיך פערגינען שטעדט ווי ווארשא, קענען מיר זיך נישט פערגינען. הלמאי ווארשא האט נישט קיין פעראיין פון נאקעט-אנהענגער ווי לאנדאן. מיר ווילען אבער „לעבען" אויפ'ן שטייגער פון די גרויסע און מ'שאפט א געזעלשאפט, א ספעציעלע, מיט'ן גאנצען קלאפערגעצייג, כדי צו „פארשען" די יודישע „אלטערטימליכע" ארכיטעקטור אין טשענסטאכאוו, ווי דאס הויז נר. 18 אין אלטען מארק און צו מאכען א אויספלוג נאך פילץ.

די „לירא" נאך איהר בליהונגס-צייט האט געפרובט בענייען איהר טעטיגקייט און געהאט אין משך פון א קורצער צייט אראבגעבראכט דעם בעוואוסטען דיריגענט ה. מ. שניאור פון ווארשא, וועלכער האט נישט בעוויזען צו דערפיהרען צום ערשטען קאנצערט.

די „לירא"-פיהרער האבען געדארפט פערשטעהן, אז ס'איז פשוט ביי אונזערע בעדינגונגען שווער אויפצוהאלטען א געזעלשאפט, אום צו געבען 2 קאנצערטען אין משך פון ווינטער, וועלכע זענען לעת עתה פארגעקומען א דאנק די צוויי טאנץ-אווענדען (אויסער נישט-אפיציעלע), וואס קומען פאר יעדע וואך.

און אפילו ווען די קאנצערטען וואלטען פארגעקומען אפטער און טאנץ-אווענדען וויניגער, קען די געזעלשאפט זייענדיג א ריין מוזיקאליש-וואקאלישע אהן אפילו געוויסער טעארעטישער אויסבילדונג אויפ'ן דאזיגען געביעט — נישט פעראינטערעסירען א גרעסערע צאהל יוגענד, וועלכע גארט נאך א היימיש קולטור-ווינקעל.

מיר מוזען איינמאל פאר אלע מאל פעסטשטעלען און געדענקען, אז ביי די ארטיגע בעגרעניצטע פינאנסיעלע מיטלען און אינטעלעקטועל-געזעלשאפטליכע כוחות האט נור עגזיסטענץ-בערעכטיגונג איינאונאיינציגע געזעלשאפט, ארגאניזירט מיט א ברייטען פערנעם און אומפאסענדען פראגראם, וועלכע זאל קאנצענטרירען די גאנצע יוגענד, וואס האט א געוויסע פעראינטערעסירונג פאר קולטור-ארבייט, בראש פון וועלכער ס'זאלען שטעהן מענשען פעראנטווארטליכע מיט ארגאניזאציאנעלע פעהיגקייטען, און וואו די יוגענד זאל זיך ווירקליך קענען אויסלעבען.

פון די אלע ביז איצטיגע עקספערימענטען פון פערשידענע געזעלשאפטען איז גארנישט געווארען צוליב די דערמאנטע סבות. ביי דער צעבערקלונג פון די ארגאניזאציאנעלע כוחות איז במילא אויסגעקומען, אז מענשען נישט בערופענע אהן געזו. חוש האבען זיך געשטעלט אין דער שפיץ פון געוויסע געזעלשאפטען און גורם געווען זייער אונטערגאנג.

דער חוב איז דעריבער פון די „לירא"-אנפיהרער צו פערברייטערען די טעטיגקייט פון דער געזו., וועלכע קאן ווערען מיט דער צייט א בית-מקלט פאר דער גאנצער ארטיגער יוגענד.

ביז היינט ווערט די „לירא" אנגעפיהרט — ליידער — פון מענשען, אויסער איינצעלנע, אהן א ברייטען פערנעם, וועלכע נוצען נישט אויס די גרויסע מעגליכקייטען, וואס זיי בעזיצען, אום צו פערוואנדלען זי אין א ברייטע קולט. ארגאניזאציע.

מענשען צעהנדליגער קומען זיך צונויף יעדען אווענד אין לאקאל פון דער „לירא", מ'דרעהט זיך פון שטוב אין שטוב און די פערוואלטונג געפונט נישט פאר נויטיג די דאזיגע מענשען מיט עטוואס צו פעראינטערעסירען, ווארום חוץ די געזאנג-לעקציעס איז נור פערהאן נאך א מלאכה: צו שרייבען אדרעסען אויף די טאנץ-אווענדען.

די איניציאטיוו פון פערדינסטפולען טהוער פאר דער „לירא" ה' זאקס אין דער ריכטונג, האט זיך נישט איינגעגעבען; אפשר אין געוויסער מאס צוליב זיין אייגענער שולד.

אבער ס'איז שוין באמת צייט, אז עטליכע ערנסטע מענשען, וואס דאס געזו.-קולטורעלע לעבען פון דער יוגענד איז זיי נאהנט צים הארץ, זאלען זיך פערנעמען מיט'ן ארומגערעדטען ענין און טאקי אפשר שאפען די דאזיגע ארגאניזאציע אין דער „לירא" גופא, דורך ווערבירען מיטגלידער און פערברייטערען אדער גאר מאדיפיצירען די טעטיגקייט.

ס'איז ווירקליך שווער שלום צו מאכען מיט'ן געדאנק, אז דאס יוד. טשענסטאכאוו איז שוין אזוי פערטעמפט, דאס זי פיהלט גארנישט קיין צורך פון א קאלעקטיווער קולטור-ארבייט; אז די יוגענד איז שוין אין אזא מאס אפאטיש, דאס זי וועט זיך נישט אנרופען אויף דער ווענדונג פון ערנסטע מענשען.

זעלנער—איז שוין פיעל מאל קאנסטאטירט געווארען—האבען מיר גענוג. אונז פעהלען נור פעהיגע ענערגישע מנהיגים, און אפשר וועלען זיך דאך עטליכע ערנסט-דענקענדע געזעלשאפטליך-פעהיגע בעזיגען און מאכען די ערשטע טריט, בכדי ארויסצוציהען די יוגענד פון איהר פלאכקייט, טעמפקייט און שעדליכער, דעסטרוקטיווער אפאטיע!

אפשר דאך!

(סוף קומט).

פ. בלומענקראנץ

וואס געהערט, וואס געזעהן.

פאטענטען.

1933. אזוי הייסט דאס יאהר אין וועלכען מיר זענען אקארשט אריינגעטרעטען און לכבוד איהם האט מען געפייערט א סילוועסטער-נאכט.

באטש דער היי-יעהריגער סילוועסטער איז געווען כאילו כפאו שד, אט ווייל מען זיך נישט שיידען מיט דער טראדיציע, אבער א פנים האט ער געהאט, זאל מען א בעסער יאהר האבען...

יעדעס יאהר האט א נאמען, לויט די מעשים און געשעהענישען, וואס פאסירען און צייכענען זיך אויס אלס א היסטאריש אנדענקען, דאס היינטיגע יאהר דארף לויט מיין מיינונג אנגערופען ווערען, דאס יאהר פון פאטענטען...

די פויריגע יאהרען האבען געהאט די אויפגאבע אויסצורוימען, דאס בייטעל סחורות פון די סוחרים, דאס בייטעל מזומן פון די קעשענעס, עס איז געווען דאס יאהר פון משפיל גאים עדי ארץ. און אריינטרעטענדיג אין יאהר 1933 שוין אלס פאטענטירטע פענטאקעס, האט מען געטראכט, אז קיין נייעס וועט עס אונז שוין נישט ברענגען, מיר האבען נישט וואס צו געווינען און אויך נישט צו פערלירען, נאר הפנים, דער אינסטינקט פון לעבען איז אזוי שטארק, אז קוים ציהט מען נאך דעם אטעם, ווייל מען נאך אלץ לעבען.

דאס האט זיך טאקע ארויסגעוויזען ביים אנהויב פון נייעם יאהר, כמעט אלע סוחרים זענען דליתים, נישט זיי האבען סחורה און נישט קיין געלד איינצוקויפען די סחורות, טא מאך איינמאל א סוף און גענוג, טראכט מען זיך אבער, טאמער דאך, ציהט מען ווייטער דאס שטריקעל, ווילענדיג אבער ווייטער זיך פייניגען מוז מען האבען א פאטענט און א פאטענט, רבותי, קאסט געלד און גראד א סך געלד (לויט די היינטיגע בעגריפען) און פון וואנען נעמט מען? איי וועט איהר דאך פרעגען א שאלה, אז מען האט נישט קיין געלד צו פיהרען דעם מסחר אדער ווערקשטאט, טא צו וואס טויג דער פאטענט? איז דאס נישט קיין שאלה, אויך צוליעב דעמזעלבען, דער אינסטינקט, מען וויל זיך אליין אבנארען.

האבען מיר דאך א גמ"ח קאסע ביי דער קהלה, מיר האבען דאך עפיס געוועהלט אונזערע פארשטעהער, וועלכע האבען אונז צוגעזאגט כל טוב, דארף מען זיך צו זיי ווענדען אין אנ'עת צרה און די האנדווערקער און קליינהענדלער-פארשטעהער זענען געקומען מיט א געוואלד, פאטענטען! מען מוז האבען כך וכך כסף אויף פאטענטען, האט מען געטראכט און געטראכט (ווען עס וואלט געווען געלד אין דער קהלה וואלט מען נישט בעדארפט אזוי פיעל טראכטען) ביז עס האבען זיך געפונען 2 דאזארעס נישקשה'דיגע פרייערס, וועלכע האבען דערוייל אויסגעבארגט אין דער גמ"ח קאסע א פאר גילדען און מען האט עס צוטיילט פאר האנדווערקער און קליינהענדלער.

מיט דעם איז אבער דער ענין נישט ערלעדיגט. נאך הונדערטער קליינהענדלער און האנדווערקער האבען נישט אויף קיין פאטענטען און וואו זענען די סוחרים? יא, זאל מען אנרופען דאס קינד ביים ריכטיגען נאמען. א גרויסע צאהל סוחרים האבען נישט געהאט קיין געלד אויסצוקויפען די פאטענטען אויפ'ן נייעם יאהר און דער סקארב, וועלכער נויטיגט זיך אויך אין געלד, האט זיך שוין נישט געקענט דערווארטען אויפ'ן נייעם יאהר, ביז דער עולם וועט איינצאהלען אויף די פאטענטען און האט באלד צומארגענס ארויסגעשיקט א שטאב מיט קאנטראלערען, וועלכע האבען מיט'ן גאנצען חומר הדין געפאדערט פאטענטען.

און אט האט מען געזעהען „אנ'אינטערעסאנט" בילדעל. אין מיטען העלען טאג זענען 50 פראצענט געוועלבער אין נייעם מארק, ווי אויך אין דער אלטע פערמאכט. די סבה איז געווען א גאנץ פשוט'ע. זיי, די סוחרים, געוועלב-אייגענטימער, האבען נאך נישט אויסגעקראצט די פאר גילדען כדי זיך איינצושאפען א פאטענט.

פאטענטען, פאטענטען און פאטענטען. נישט וועגען חורבן, וואס הערשט אין דער יודישער גאס האט מען זיך געזארגט, נאר וועגען דער איינציגער פראגע, וואס איז געלעגען ווי א שווערער שטיין אויפ'ן הארצען, פאטענטען.

לעולם, וואלט דער סקארב געדארפט פאדערן, אז נישט בלויז צו פיהרען א האנדעל אדער מלאכה זאל מען מוזען אויסקויפען א פאטענט, נאר אפילו אויף האבען ס'רעכט צו זיין ארבייטסלאז, זאל מען אויך דארפען האבען פאטענטען, ד. ה. מיט פשוט'ע ווערטער: מען מוז האבען א פאטענט אויפ'ן דלות, דער סקארב וואלט דאך שוין צו דעם נישט צוגעלעגט, יודעלעך וואלטען שוין מיט'ן קאפ אין דער וואנד אדורכגעקלאפט און וואלטען אויסגעקויפט פאטענטען, און אז עס וועט קומען צו דעם, איז ביי מיר נישט קיין ספק, ווארום נאך אביסעל און דאס סוחר'טום וועט פערשוואונדען, וועט דאך נישט זיין ווער עס זאל אויסקויפען פאטענטען, וועט מען מוזען במילא ארויסגעבען א פעראָרדנונג, אז כדי צו זיין א פענטאק, מוז מען אויסקויפען א פאטענט.

ווי איהר זעהט, קען מען גאנץ דרייסט אנרופען דאס יאהר 1933, דאס יאהר פון פאטענטען.

בארבאריזם.

שוין נישט איינמאל האט מען מיר דערצעהלט וועגען די נישט-מילדע בעציהונגען פון דער אדמיניסטראציע פון שטאדטישען שפיטאל, צו יודישע קראנקע, אזוי למשל, האט מען די פערוואונדעטע יודען, בעת די אנטי-יודישע עקסצעסען זעהר נישט פיין בעהאנדעלט און זיי האבען זיך געבעטען אז מען זאל זי בעסער נעמען אהיים און נאך אנדערע פאלען איז געווען, וואס האבען זיך אויסגעצייכענט מיט א ברוטאלע בעהאנדלונג, איצט אבער האב איך זיך איבערצייגט וועגען אזא פאל, וואס עס קען אנדערש נישט אנגערופען ווי בארבאריזם.

אויף סענאטארסקא גאס 31 № האט געטראפען א צופאל: א יודיש יונגעל איז ארונטערגעפאלען אונטער א פוהר, וועלכע האט איהם שטארק צוקאלעטשעט א האנד, ווי אויך דאס פנים, די ארויסגערופענע פאגאטאוויע, האט די זאך אנגענומען זעהר ערנסט און האט איהם צוגענומען אין שפיטאל אריין.

דער פאטער פון קינד, וועלכער איז

ש. י. צביאלי
ראשון לציון.

חנוכה-פייערונג אין א״י.

מיט גרויס פאראד ווערט דא, אין ארץ-ישראל, געפייערט דער יום-טוב חנוכה. בעזונדער אימפאזאנט איז די „תהלוכה״ (צוג-מארש) פון די טויזענ-דער קינדער מיט פאקעלען אין די הענד, די אפיציעלע פייערונג איז פאר-געקומען היינטיגען זונטאג צום 3-טען חנוכה-ליכטעל — ביים אנטייל פון צעהנדליגער טויזענדער מענשען, (א חוץ קינדער פון בערך 5000). אין תל-אביב, ביי דער גרויסער שוהל אויף אלענביי גאס מיט'ן אנטייל פון ה' נ. סאקאלאוו.

שוין פון 2 א זייגער נאכמיטאג אן האבען זיך אנגעהויבען זאמלען מאסען מענשען אויף די אלענביי גאס. פאר-נאכט האבען ארויסגעשיינט די חנוכה ליכט פון אלע פענסטער איבער דער גאנצער גאס. אלע באלקאנען זענען געווען בעפוצט און געפאקט פון פיעל מענשען. אויך אויף די דעכער זענען געשטאנען פיעל מענשען. די פאהר-קאמוניקאציע אויף דער אלענביי-גאס איז געווען אבגעשטעלט. ספעציעלע „סדרנים״ (ארדנערס) פון מכבי, הפועל א. א. האבען געהאלטען מוסטערהאפט די ארדנונג.

א גרויסער צוג פון שול-קינדער פון תל-אביב און פון די מושבות זענען געשטאנען אויסגעשטעלט פאר דער שו-לע מיט זייערע פאהנען (יעדע שולע מיט איהר פאהן און לעהרער).

אויף די ספעציעל - אויפגעשטעלטע בימה פאר דער שולע זענען געשטא-נען די ה״ה: פרעזידענט פון דער אל-וועלטליכער ציונ. ארג. נחום סאקא-לאוו, לעא מאצקין, פראפעסאר קלויז-נער, ה. פאיבשטיין, ע. ניומאן, י. ל. גאלדבערג (ארויסגעבער פון „הארץ״), ר' א. ז. ראבינאוויטש, ראש-עריה תל-אביב מ. דיזענהאף, הרב אהרנזאן, הרב עוזיאל און אנדערע. איבער זיי האט געפלאטערט א גרויסע ווייס-בלויע פאהן.

5,15 פארנאכט האט זיך דערהערט א פייף - סיגנאל, וואס האט אנגעזאגט דעם עולם אויף די עפנונג פון די חנוכה-פייערונג. און באלד זענען אין דער לופט געפלויגען פיעל פארביגע ראקעטען, וואס האבען בעלויכטען די גאנצע געגענד אויף ווי ווייט און איז בעגלייט געווארען מיט פרעהליכע אויס-רופען דורך די קינדער.

דאן האט מען געגעבען א צווייטען סיגנאל און דער חזן ה' ראוויץ האט פאר'ן טהיר פון שוהל אנגעצינדען די חנוכה-ליכט און אין דער בעגלייטונג פון א ספעציעלען קינדער-כאר און על-טערע געזינגען „מעוז צור״. נאכדעם האבען גערעדט מעניני דיומא די ה״ה גוטמאן און דיזענגאף.

מיט גרויס רעש און הידד-אויסרופען ווערט איינגענומען ה' נ. סאקאלאוו ווען ער שטעלט זיך אויף צום רעדען.

מיט גרויס ערנסטקייט הויבט אן ה' סאקאלאוו פאלגענדעס:

„נהפך לאבל כנורנו״.

„אין אנפאנגס פון מיינע ווערטער— זאגט ה' סאקאלאוו—מוז איך דערמאנען דאס 9-יעהריגע יונגעל דוד יעקובי, וועלכער איז דורך רוצחישע הענד ער-מארדעט געווארען אין נהלל (ביי די ווערטער הערען זיך צווישען עולם קרעכצען און געוויינערייי). קינדער! דאס לאנד ווערט זיך רייניגען פון די ווילדע און קינדער-מערדער, אזוי ווי די מכבים — אין זייערע צייטען — דעם בית המקדש פון טמאה, ארץ - ישראל איז דאס לאנד פון גערעכטיגקייט, ליעבשאפט און פריינדשאפט, אזעלכע פאלען טארען זיך נישט טרעפען! איך רוף נישט צו נקמה און שנאה, נאר צו שטארקייט. תקופה החשמונאים ווערט ביי אונז זיין, ווי אנ'עמוד האש וואס קיין ווינט ווערט דאס נישט קענען פער-לעשען.

חניכה אין ארץ-ישראל איז א היילי-גער געדאנק און דאס איז נישט בלויז פאר מיר א חגיגה, נאר א פראגראם פון ארבייט פון אויפבליהונג. איהר ישראל'ס קינדער, וואס האט אויפגע-שטעלט דאס לאנד ארץ - ישראל פון איהר חורבן דארפט אויך אויפלעבען דאס פאלק.

שטענדיג וועלען מיר געדענקען אונ-זערע ערשטע חלוצים. איהר וועט אונז נאך ברענגען דעם כבוד און נצחון ווי די חשמונאים. איהר עלטערע וועט זיין ווי מתתיהו הזקן, איהר יונגערע וועט זיין ווי יהודה המכבי און איהר קינ-דער וועט וואקסען ווי די יונגע און אלטע — אלץ פאר'ן נצחון, זייט גע-בענשט״.

א לענגערע צייט האט זיך געהערט די אויסרופען לכבוד סאקאלאוו'ן נאך דער ענדע פון דער רעדע. עס זענען ווידער געווארפען געווארען פיעלפאר-ביגע ראקעטען און דער גאנצער עולם זינגט „התקוה״.

דאן זענען פארגעקומען „תהלוכות״ (צוג-מארש) פון די קינדער מיט פא-קעלען אין די הענד. ביים סוף פון רחוב אלענביי האבען זיך די קינדער צוטיילט אין 3 טיילן, וועלכע האבען דורכמארשירט די גאסען. פון אלע פענ-סטער האט מען די קינדער בעווארפען מיט בלומען. שפעט אין אוונד זענען זיי זיך צוגאנגען.

אויסער דעם זענען אויך לכבוד חנוכה פארגעקומען זעהר פיעל חגיגות אין גאנץ ארץ-ישראל.

דער ציוניסטישער שטאנד-געריכט *)

(ערקלערונג פון צענטראל-קאמיטעט פון ברית הצה״ר אין פוילען.

די סיסטעמאטישע העץ-קאמפאניע, וואס ווערט אין משך פון חדשים אונאויפהערליך געפיהרט קעגען דעם רעוויזיאניזם, אלס ארגאנישען טייל פון דער ציוניסטישער וועלט-בעוועגונג דורך דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע און איהר בעאמטענטום, דורך די אינספיראטארען פון דעם צוריקקעהר צום וויצ-מאן-קורס, און דורך די לינקע ציוניסטישע פארטייען און זייערע נאכשלע-פער אין פוילען האט דערגרייכט איהר קולמינאציאנס-פונקט. אין דעם פסק-דין פון דעם ציוניסטישען עהרען-געריכט, וואס איז ארויסגעטראגען געווארען דעם 5-טען ד. ח. אין בערלין. דער פסק-דין איז: אבצושטעלען אין זיין טע-טיגקייט דעם רעוויזיאניסטישען זאנדער-פערבאנד, וועלכער איז אנערקענט געווארען דורך דעם ציוניסטישען אקציאנס-קאמיטעט אויף זיין לעצטער סעסיע אין אויגוסט 1932 און פארצושלאגען דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע איינגאנצען אויפצולעזען דעם זאנדער-פערבאנד אלס אזעלכען.

די פאליטישע הינטער כונות, וואס שטעהען הינטער דער דאזיגער גע-ריכטס-אקציע זענען: זיך צו בעפרייען פון דער „רעוויזיאניסטישער סכנה״, וועלכע וואקסט פון טאג צו טאג און וועלכע דראהט צו בעזייטיגען די היינ-טיגע מושלים פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, און א סוף צו מאכען צו זייער דעפעטיסטישער און ליקווידאטארישער פאליטיק. די דאזיגע כונה איז קודם כל קלאר פון דער א י י ל ע נ י ש מיט וועלכער דער גאנצער פראצעס איז דורכגעפיהרט געווארען דורך דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע. גע-וועהנליך ווערען די וויכטיגסטע בעשלוסען פון די קאנגרעסען און פון אקצ-יאנס-קאמיטעט יאהרען לאנג פערשלעפט. די רעארגאניזירונג פון די פאלעס-טינא-עמטער, פאר וועלכע דער קאנגרעס האט געשטעלט א טערמין פון 6 חדשים האט געדויערט מעהר ווי א יאהר, די בילדונג פון א קאנטראל-אמט, וועמענס אויפגאבע עס איז צו איבערוואכען און רעווידירען די ציוניסטישע פינאנסען און וועמענס שאפונג דער ציוניסטישער קאנגרעס האט בעשלאסען נאך מיט 6 יאהר צוריק און איז בעשטעטיגט געווארען דורך דעם לעצטען קאנגרעס איז נאך ביז היינט נישט דורכגעפיהרט געווארען. און די אנקלאגע געגען דעם רעוויזיאניסטישען זאנדער-פערבאנד, וואס איז אויפגעהויבען גע-ווארען ערשט דעם 9-טען נאוועמבער איז מיט א פערדעכטיגער און אומ-ווירדיגער שנעלקייט בעהאנדעלט און גע'פסקנ'ט געווארען פון עהרען-געריכט שוין דעם 5-טען יאנואר. אין א צייט, ווען די ציוניסטישע זאך האט צו בע-קעמפען די גרעסטע פאליטישע געפאהרען — לעגיסלאטיווער ראט, הכנסה-שטייער, און ווען דער ישוב שטעהט אונטער א טעראר פון אראבישע אנפא-לען — האט די ציוניסטישע עקזעקוטיווע, ווי עס שיינט, קיין דרינגענדערע און וויכטיגערע דאגות.

דאס וויכטיגסטע איז פאר איהר צו בעקעמפען און בעזייטיגען דעם רעוויזיאניסטישען איינפלוס. דאס דרינגט אויך קלאר ארויס פון דעם גאנץ ספעציפישען פערזענליכען צוזאמענשטעל פון עהרען-געריכט, וואס האט גע'משפט אין דער דאזיגער פראגע. פון די 6 מיטגלידער פון ציוניסטישען עה-רען-געריכט, וואס זענען געוועהלט געווארען אויפ'ן לעצטען קאנגרעס האט מען געפונען פאר פאסיג צו בעשטימען גראד די צוויי, וואס זענען בעקאנט אלס פערביסענע געגנער פון רעוויזיאניזם און זענען דורך דעם שוין פון פאראויס דיסקוואליפיצירט אלס אונאבהענגיגע און אביעקטיווע ריכטער אין אזא וויכטיגען און דעליקאטען משפט. דאס זענען: אסקאר קאן, א לינקער דייטשער סאציאל-דעמאקראט און א מיטגליד פון פועלי-ציון, פון דער זעל-בער פארטיי, צו וועלכער עס געהער דער אפיציעלער בעשולדיגער מצד דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע בערל לאקער; דער צווייטער איז ד״ר וואלפסבערג, וועלכער געהער צו יענעם טייל פון מזרחי, וואס איז ארויסגעטרעטען פון אלוועלטליכען מזרחי, וועלכער שטעהט שטאל און אייזען פאר דעם אפיציע-לען ציוניסטישען קורס און איז אידעאיש פארוואנדט מיט די ברית-שלומני-קעס. (צו דער זעלבער מזרחי-גרופע געהער אויך דער פראקוראר פון געריכט ד״ר בארט״). דאס זענען געווען די שופטים אין אזא מין קאמפליצירטען און אויך פעראנטווארטליכען משפט, וואס פאדערט די העכסטע אביעקטיוויטעט פון זיינע ריכטער.

די עקזעקוטיווע פון רעוויזיאניסטישען זאנדער-פערבאנד האט פער-לאנגט, אז אנשטאט די דאזיגע בולט-פארטייאישע ריכטער, זאלען בעשטימט ווערען אנדערע פון די 6 מיטגלידער פון עהרען-געריכט. די דאזיגע פאדע-רונג איז אבגעווארפען געווארען. מיט דעם איז דער אויסגאנג פון פראצעס געווען בעשטימט פון פאראויס. די עקזעקוטיווע פון זאנדער-פערבאנד האט צוליב א ריי טעמים, (צווישען זיי צוליב דעם, וואס דער פרעזידענט פון זאנ-דער-פערבאנד מאיר גראסמאן געפונט זיך איצט אין ארץ-ישראל), געפאדערט מען זאל אבלייגען דעם פראצעס. דאס עהרען-געריכט אין זיין ספעציפישען צוזאמענשטעל האט אבער געפונען פאר מעגליך די דאזיגע בערעכטיגטע ביטע אבצווארפען און צו פיהרען דעם משפט און ארויסצוטראגען דעם פסק-דין אונטער די אויגען אין דער אבוועזענהייט פון די פערטרעטער פון אנגע-קלאגטען צד. מיט דעם איז פערגוואלדיגט געווארען דער גרונד-יסוד פון דער אלגעמיין-אנגענומענער געריכטס-פראצעדור ביי ציוויליזירטע פעלקער — צו געבען דעם אנגעקלאגטען אלע מעגליכקייטען זיך צו פערטיידיגען. דאס איז א נייער בעוויז פאר דעם, אז דעם פסק-דין האט דאס עהרען-געריכט שוין געהאט פון פאראויס א פערטיגען: אונטער דעם דיקטאט פון די יעניגע „מאסגעבענדע פאקטארען״, וועלכע האבען אינסצענירט דעם גאנצען משפט האט דאס עהרען-געריכט אין איין אווענד-זיצונג נאך א האלב-שעה'דיגער בע-ראטונג ארויסגעטראגען אזא סקאנדאליעזען בעשלוס.

אלע בעשולדיגונגען אויף וועלכע עס שטיצט זיך דער פסק-דין (פע-טיציע, דאס איבערטראגען פון רעוויזיאניסטישען עקזעקוטיוו-קאמיטעט אין זשענעווע, רעוויזיאניסטישע פאליטישע ביורא אין א״י) באזירען זיך נישט אויף קאנקרעטע, שוין אין לעבען דורכגעפיהרטע מעשים פון זאנדער-פער-באנד, נאר אויף איינזייטיג און קאזואיסטיש אויסגעטייטשטע כונות און בע-שלוסען פון די רעוויזיאניסטישע פארטיי-ארגאנען. מיר האלטען די אלע בע-שלוסען פאר פאטריאטיש-ציוניסטישע און זענען איבערצייגט, אז זיי דיענען די בלוטיגסטע אינטערעסען פון דער ציוניסטישער בעוועגונג. אבער אפילו אונזערע פערביסענע געגנער האבען נישט קיין שום גרונד און קיין שום רעכט צו משפט'ן און פערמשפט'ן פאר בעשלוסען, וועלכע זענען נאך נישט פערוואנדעלט געווארען אין מעשים.

דאס איז געווען נישט קיין געריכט, נאר א שטאנד-געריכט, א יוסטיץ-פאראדיע. דער עיקר איז געווען וואס שנעלער און פאר יעדען פרייז פטור צו ווערען פון דער אונבעקוועהמער רעוויזיאניסטישער אפאזיציע, וואס שטעהט שוין נאהנט צו בעהערשען און צו סאנירען די ציוניסטישע וועלט-ארגאני-זאציע און בעפרייען איהר פון די עפיגאנען פון דעם באנקראטירטען וויצ-מאן - קורס. פראקטיש האט דער דאזיגער פסק - דין קיין שום ממשות'דיגע בעדייטונג. דער רעוויזיאניטישער זאנדער-פערבאנד עקזיסטירט בלויז עט-ליכע חדשים. די רעוויזיאניסטישע בעוועגונג ארבייט און ווירקט אבער אין ציוניזם גאנצע זיבען יאהר און האט שטענדיג געפונען ארגאניזאציאנעלע פארמען, וואס האבען איהר מעגליך געמאכט צו קאנצענטרירען ארום זיך צענדליגער טויזענדער איבערגעגעבענע הערצל-ציוניסטען און צו ווערען די צווייטע לויט איהר צאהל פראקציע אויפ'ן ציוניסטישען קאנגרעס. אלס אזאל-

*) צוגעשיקט

א פערזיכערטער אין דער קראנקען-קאסע, האט געבעטען די „פאגאטא-וויטש״, אז מען זאל דאס קינד אבפיה-רען אין יודישען שפיטאל, אויף וועל-כען ער האט בעקומען א צוזאג, דער-ווייל האט אבער די פאגאטאוויטש אויפ'ן וועג אויך צוגענומען א קריסטליכע דיענסט און האט ביידע] קראנקע אב-געפיהרט אין שטאדטישען שפיטאל. די קריסטליכע דינסט האט מען באלד צו-גענומען, דאס יודישע יונגעל האט מען אבער אפילו נישט געוואלט בעהאנד-לען, שוין נישט רעדענדיג, אז מען האט איהם געלאזט אהן מעדיצינישע הילף און דער אדמיניסטראטאר האט זיך נאך געבייזערט, פארוואס מען האט דא אהערגעבראכט א יודיש יונ-געל, אין דער צייט, ווען איהר זשי-דעס האם א זשידאווסקי שפיטאל.

די פאגאטאוויטש איז אבער שוין גע-האט אוועקגעפאהרען און א ברודער פון דעם קראנקען האט איהם געמוזט צוריק אהיימטראגען אין שטוב אריין, וואו מען האט צו איהם ארויסגערופען א דאקטאר.

ווי קען מען אזא האנדלונג, סיי פון דער פאגאטאוויטש און אויך פון דער שפיטאל-אדמיניסטראציע אנרופען?

ער האט זיך נוקם געווען...

עס איז אזוי געווען שטענדיג און עס איז היינט דאסזעלבע.

איך מיין, אז עס זענען שטענדיג געווען ארענטליכע מענשען (זעלטען) און עס זענען אויך געווען מענשען פאסקודניאקעס (אפטער).

צו וואס אבער די מליצה, אז מען קען רעדען וועגען פאקטען.

פערהאנען אין שטאדט א יוד אנ-עושר, אויסער דעם וואס ער פערמאגט הייזער און א גרויס פערמעגען, פער-מאגט ער נאך א גרויסע פארד און האלט זיך פאר א גרויסען בעל-צדקה.

האט מען דעם דאזיגען יוד נישט דא געדאכט ביים עטאט - אויסמעסטען געהעכערט מיט עטליכע זלאטעס, האט איהם די מעשה, ווי עס ווייזט אויס, פערדראסען און ער האט בעשלאסען זיך נוקם צו זיין און ער האט נאר געווארט אויף א געלעגענהייט, און די דאזיגע געלעגענהייט האט זיך באלד געמאכט.

די שליחים פון בית להם זענען גע-קומען צום איבענדערמאנטען עושר, אז ער זאל זיך אויך בעטייליגען אין דער אקציע. האט ער די שליחים הע-פליך אריינגעבעטען, זיי געהייסען זע-צען זיך, א גלעט געגעבען די בארד און ארויס מיט אזא מענה לשון:

איך בין זעהר צופרידען, וואס איהר זענט צו מיר געקומען (ביי די זאמ-לער האבען די הענד דערווייל געקי-צעלט, טראכטענדיג, אז אויב מ'נעמט זיי אזוי פיין אויף, וועלען זיי שוין בעקומען א מנה יפה און אין זייער פאנטאזיע האבען זיי שוין געזעהן די וואגאנעס קארטאפעל מיט די קויהלען וואס זיי טיילען די ארימע), כדי איך זאל אייך קענען אבזאגען, איך האב באמת א הנאה, אז איהר וועט דאס-מאל פון מיר גארנישט בעקומען און ווייסט איהר פארוואס? (ביי די דעלע-גאטען איז דערווייל פינסטער געווא-רען אין די אויגען) ציהט ער לאנגזאם זייערע ווערטער, דערפאר ווייל מען האט מיר געהויבען דעם עטאט, די בית-לחם שליחים האבען איהם געוואלט געבען צו פערשטעהן, אז עס איז נישט אזוי, אז... יענער האט אבער גע-שמייכעלט און זיך געהאלטען אין איין גלעטען די בארד און וואס מעהר זיי האבען זיך געהיצט, אלץ מעהר האט ער הנאה געהאט.

וואס שייך צו זאגען, א וואזשנע נקמה...

רעפארמען.

א סך אלטע איינגעפיהרטע מנהגים זענען שוין אבגעשאפט געווארען און נאר דער מנהג אוועקצושטעלען טע-לער אויף שמחות פון פערשידענע גע-זעלשאפטען, איז נאכנישט אבגעשאפט געווארען.

כאטש וואס ארט מיך, אז זיי שטע-לען יא אוועק די טעלער, עלעהיי ארי-מעלייט וועלען אויך עפיס געניסען פון דער שמחה, איז אבער די צרה, וואס מען קאן נישט קאנטראלירען צי דאס גאנצע געלד קומט אן צו די ארימע.

דאס האט מיך אויפמערקזאם גע-מאכט דער סעקרעטאר פון בית לחם, וועלכער האט אבגעשאפט די טעלער און אנשטאט דעם גיט ער דעם קא-סירער אזעלכע מארקעלעך צו 10 גרא-שען און ווען ער קומט אויף א שמחה גיט ער די זנאטשקעס. און וויפיעל 10-ער גראשענס ער בעקומט, אזויפיעל מארקעלעך גיט ער.

איי, איז דאך די קשיא, אז ביי די מארקען קאנען אויך זיין מיסברויכען למשל, מען קען נעהמען צעהנערלעך און נישט ארויסגעבען קיין מארקעס. אט דאס איז דאך [וואס איך בעט זיך, אז איהר זאלט שרייבען, אז די בעלי-שמחות זאלען נישט געבען קיין געלד אויב זיי וועלען נישט דערהאלטען אזוי פיעל זנאטשקעס ווי די סומע בע-טרעפט.

איך טהו צוליעב און שרייב: יודען מחותנים און בעלי-שמחות, פאסט אייך צו צו די נייע רעפארמען.

ער האט א ריכטיגע טענה.

דעם ד״ר מיקולסקי קאנט איהר, יא, האב איך מיט איהם לעצטענס געהאט א שטיקעל געשפרעך.

מיר האבען גערעדט וועגען פערשי-דענע זאכען און דרך אגב בעריהרט דאס, וואס די יודישע בעפעלקערונג האט איהם זעהר ליעב און אכטעט איהם פאר זיין איידעלקייט און ארענ-טליכקייט, איבערהויפט האט איהם ליעב די ארימע יודישע בעפעלקערונג ביי וועלכע ער נעמט פאר זיינע מעדיצי-נישע עצות גראשענס, אזוי, אז ווען עס וואלט נאר מעגליך געווען, וואל-טען זיי איהם אויסגעקליבען אלט דא-זאר אין דער קהלה און אפשר, נישט אפשר, נאר בעשטימט אלס ראש-הקהל.

ד״ר מיקולסקי האט אבער די ארי-מע יודען נישט אזוי ליעב ד״ה נישט אלע יודען, נאר א טייל יודען, וועלכע בעגעהען זיך מיט איהם נישט אזוי דזשענטעלמעניש און דהיינו:

די וואס גיבען גאהר נישט האב איך נישט קיין פרעטענסיע, מסתמא האבען זיי נישט, נאר די וואס גיבען יא בעהט איך זיי, אז זיי זאלען מיר כאטש גע-בען גוט געלד, ווארום איך קוק נישט אן די מטבע, נאר ווען איך קום אהיים און גיב מיין ווייב אויף פרנסה, האט זי צרות, ווייל מען מאכט איהר אויפ-מערקזאם, אז דאס געלד איז פאלש, און דער בעקער און קצב קאן זי נאך חושד זיין, אז מיר פאבריצירען פאלש געלד.

דאכט זיך, אז ער האט א ריכטיגע טענה...

לויתן.

כער איז דער רעוויזיאניזם געווען פערטרעטען אין אלע ציוניסטישע אינסטיטוציעס. אויך אויף להבא וועלען מיר נישט אבטרעטען. קיין שום דעראבערטע פאזיציעס אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, וועלען מיר פארטזעצען אונזער עקשנות'דיגען אין שעפערישען קאמף פאר דער געזונדמאכונג פון דער ציוניסטישער בעוועגונג, מיר שטעהען אין די ערשטע רייהען אין די זאמלונגען פאר די נאציאנאלע קרנות און אין דער פערשפרייטונג פון שקל און מיר פערלאנגען אלע רעכט, וואס געהערען איינער פון די שטארקסטע און אקטיווסטע גרופען אין דער ציוניסטישער וועלט-בעוועגונג.

נישט דער רעוויזיאניזם זיצט איצט אויף דער בעשולדיגונגס-באנק. די אמת'ע בעשולדיגטע זענען:

1. די ציוניסטישע עקזעקוטיווע, וואס האט אליין אין פעברואר 1930 אפען מודה געווען, אז זי האט אבגעטרעטען איהרע פאליטישע פערעראגאטיווען דער געמישטער נישט-ציוניסטישער אגענץ און האט איצט דעם טרויעריגען מוט צביעותדיג צו אינסצעניזירען א פראצעס געגען דעם שעפערישען טייל פון דער ציוניסטישער מחנה. דאס איז אן'אונגעלונגענער פרוב אבצוווענדען פון זיך דעם גערעכטען צארן פון די ציוניסטישע מאסען צוליב איהרע פאליטישע און ווירטשאפטליכע מפלות.
2. דאס ציוניסטישע עהרען-געריכט, וועלכעס האט זיך אראבגעלאזט צו דער מדרגה פון א געהארכזאמען אינסטרומענט אין די הענד פון דער דאזיגער פאליטישער אינטריגע פון לינקע פארטייען, וואס שטעהען הינטער דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע.

דער אונגערעכטער און בולט-פארטייאישער פסק-דין פון דעם ציוניסטישען שטאנד-געריכט וועט גארנישט ענדערען אין אונזער קאמף, אזא פסק-דין קאן בלויז ארויסרופען די טיפסטע עמפערונג אין אלע אונאבהענגיגדענקענדע ציוניסטישע מאסען, וועלכע זעהען אין רעוויזיאניזם דעם געזעצליכען יורש פון הערצל-געדאנק און די איינציגע האפנונג פון מלוכה'שען ציוניזם.

דער ועד הראשי פון ברית הצה"ר אין פוילען.

דאס געזונד און לעבען קען מען דערהאלטען פון דער קינדהייט אן ביז'ן טיפען עלטער, ווען דער טעגליכער געטראנק אין יעדען הויז איז **אוואמאלטין** די אויסגעצייכענטע נאהרונג, וואס ענטהאלט אייער, מילך, און קאקוי, ענטהאלט אין קאנצענטרירטער פארם אלע נאהרונגס-געגענשטאנדען און וויטאמין נויטיג פאר יעדען געזונד. **אוואמאלטין** מאכט יעדען געטראנק פולווערטיג, לייכט צום פערדייען, ווירקט גוט אויפן נערווען-סיסטעם, שטארקט דעם ארגאניזם, זיכערענדיג איהם געזונד און ענערגיע - דערביי האבען די קינדער, צוליעב זיין אנגענעמען געשמאק, **אוואמאלטין** מעהר ליעב, ווי אלע געטראנקען.

OVOMALTINE

זיכערט דאס געזונד!

פרייז: א פושקע 125 גר., 2,50 זל.
2,50 גר, 4,30 זל., 500 גר. 7,30 זל.

Fabr: chemiczno-farmaceutyczna
D-r A. WANDER, Sp. Akc
Kraków.

צו בעקומען אין אלע אפטייקען און דראגעריעס.—פרובען און בראשורען ווערען ארויפגעשיקט בחנם

דער צוטרוי און אנערקענונג פון דער יודישער בעפעלקערונג פאר די גמילות-חסדים-קאסעס.

(צוגעשיקט פון דער גמ"ח-קאסעס צענטראלע).

די ג"ח קאסעס קענען דרייסט אנגערופען ווערען פאלקס-אינסטיטוציעס, צו וועלכער די גאנצע יודישע בעפעלקערונג, אהן אונטערשיעד פון שיכט, ווייזט ארויס דעם גרעסטען צוטרוי און אנערקענונג פאר דער נוצליכער ארבייט, וועלכע ווערט געלייסטעט פון די קאסעס.

שוין נישט קיין וואונדער! די ג"ח קאסעס ריהרען זיך נישט אין זייער ארבייט מיט קיין שום פארטייאישע אדער אנדערע מאמענטען. וועגען געבען א הלואה דעצידירט ביי דער פערוואלטונג שטענדיג, איינציג און אליין, צי דער קאנדידאט ענטשפרעכט די בעדינגונגען, וועלכע ס'דארפען ענטשפרעכען די לוים פון די ג"ח קאסעס.

די ג"ח קאסעס העלפען אלעמען. געפונט זיך דער האנדווערקער אין א שווערע לאגע, דארף ער האבען א הלואה, כדי איינצוקויפען זיך רויה-שטאף, בכדי נישט דארפען איבערצוצאהלען ביים קויפען אויף קרעדיט, (נישט תמיד וויל מען דעם האנדווערקער געבען אויף קרעדיט). ווען דער קליינהענדלער געהט זיך קויפען אביסעל סחורה, כדי צו האבען מיט וואס צו האנדלען, קומט ער אין קאסע נאך א הלואה. ווען דער דארפס-געהער נויטיגט זיך אין אביסעל געלד, כדי זיך צו פערשאפען סחורה—קומט איהם די קאסע אנטקעגען. דאס זעלבע איז שייך דעם סאדאווניק, ווען ער געהט דינגען א סאד און וויל נישט זיין גאנצען פערדינסט איבערגעבען דעם וואוכערניק.

דאס זעלבע איז שייך אנדערע פאכען – יעדער, וואס ארבייט און נויטיגט זיך אין א הלואה צוליעב פראדוקטיווע צוועקען וועט בעקומען א הלוואה אין דער קאסע.

וועגען דער צוגעבונדענקייט פון דער יודישער בעפעלקערונג צו די קאסעס, זאגט טאג-איין טאג-אויס עדות אומצעהליגע פאקטען פון פערשידענע שטעדט און שטעדטלעך אין פוילען.

אלס ביישפיל ברענגען מיר איינגע. פון דעם שטעדטיל זאגאראוו שרייבט די דארטיגע קאסע: טיעף גערירהרט זענען מיר געווען בשעת די אונטערהאנדלונגען מיט דער קהלה-פערוואלטונג וועגען דער סובסידיע פאר דער קאסע. די קהלה האט היי-יאהר געוואלט קירצען די סובסידיע פאר דער קאסע האבען זיך בשעת דער זיצונג צריינגעריסען ארימע יודען און געשריגען צו די דאזארעס: „די גמ"ח מוז געשטיצט ווערען! זי איז אונזער מוטער, אונזער ברויט-געבערין! מיר וואלטען געמוזט געהן אויף דער מדינה, ווען די גמ"ח וואלט אונז נישט געשטיצט מיט הלואות" !

וועגען דער צוגעבונדענקייט פון דער בעפעלקערונג קען מען זיך אויך איבערצייגען פון דער צאהל מיטגלידער אין די בעזונדערע קאסעס, דארט וואו עס ווערט געפיהרט א גוטע ארבייט, דארט וואו די קאסעס ווייסען ווי געהעריג אויסצונוצען די שטימונג פון דער בעפעלקערונג פאר ארגאניזירען וואס א גרעסערע מיטגלידערשאפט.

דאס דאזיגע וועלען מיר אילוסטרירען מיט איינע ביישפילען. פון קוראוו בעריכטעט מען: דאס שטעדטיל צעהלט 550 משפחות. מען קען זאגען אז 90 פראצענט פון דער בעפעלקערונג איז אהן פרנסה, דער רוב בעפעלקערונג בעשטעהט פון ארימע קליינהענדלער און דארפס-געהער, וועלכע עס פעהלט ממש אויס דער גילדען צום האנדעל.

די שטאדט האט צו דער קאסע גרויס צוטרוי. אלס בעווייז דערפון קען דיענען די בעציהונג, וועלכע די בעפעלקערונג האט ארויסגעוויזען די פערוואלטונגס-מיטגלידער, וואס זענען געגאנגען ווערבירען מיטגלידער פאר דער קאסע און באלד אינקאסירען חודש-אבצאהל אין דער הויך פון 50 גראשען א מאנאט, נישט קוקענדיג אויפ'ן ביטערען מצב האט קיין איינער זיך נישט אבגעזאגט נאר תיכף איינגעצאהלט פאר 1 אדער 2 חדשים.

פערהאן אויך א סך אנדערע בעווייזען פון דעם גרויסען צוטרוי און ממש ליעבשאפט פון דער יודישער בעפעלקערונג צו די קאסעס. וועגען דעם זאגען עדות פאקטען, אז אין א סך שטעדט ווערען איבערגעגעבען טויזענדער גילדען אלס אהנפראצענטיגע פקדונות, אזוי למשל האט די קאסע אין לישקאוויץ בעקומען אין יאהר 1930 – 2 פקדונות אין דער הויך פון 300 דאלאר, וועלכע זענען שוין אבגעצאהלט געווארען און איצט האט די קאסע א נדן פון 150 דאלאר אלס פקדון.

דאס זעלבע לייענען מיר אין גאמבין. די פקדונות האבען דארט בעטראפען 9 טויזענד זלאטעס. דערפון האבען זיך דארט געפונען 3 נדניס פון ארימע כלות פון 1.000 ביז 1,500 זל., וועלכע זענען פונקטליך צוריקגעצאהלט געווארען.

אין אנדערע שטעדט ווידער ווערען די געלדער, וואס געפונען זיך, למשל, אין ראבינאט אדער אין די שולען, איבערגעגעבען די קאסע אלס אהנפראצענטיגע פקדונות.

אין קאלושין גיט דער רב כסדר איבער דער קאסע אלס פקדונות די געלדער, וועלכע ווערען ביי איהם איינגעלייגט אלס וואקלאדען. דער ביישפיעל פון רב האט געפונען א סך אנהענגער אין שטאדט, וועלכע טהון נאך דעם רב.

אין לעמבערגער פארשטאדט זאמארסטינאוו האבען די דארטיגע ענערגישע טהוער אויסגעפיהרט, אז אלע געלדער, וועלכע געפונען זיך אין געזעלשאפטליכע אינסטיטוציעס, ווי למשל שול א"א, זאלען אריינגעלייגט ווערען אין דער גמ"ח קאסע אלס פקדונות.

די קרן-היסוד אקציע אין טשענסטאכאוו.

די הייריגע אקציע פאר'ן קרן-היסוד וואס קומט פאר אין אונזער שטאדט זינט צוויי וואכען ווערט געפיהרט מיט א זעהר גוטען ערפאלג.

דער שליח פון קה"י ד"ר ראזענבוים פון א"י, וועלכער ווײלט אין טשענסטאכאוו האט ארגאניזירט די זאמלונג צוזאמען מיט'ן ה' יאכימאוויטש, וועלכער איז זינט עטליכע יאהר דער קה"י פארשטעהער ביי אונז אין שטאדט. עס האבען זיך געפונען איינציגע איבערגעבענע מענשען וואס האבען אויף זיך גענומען די זאמעל-ארבייט צו בעזוכען תורמים, און ביי זיי נעמען די יעהרליכע דעקלאראציעס.

ווי מען גיט אונז איבער איז דער ביז-איצטיגער ערפאלג זעהר צופרידענשטעלענד. עס קומען צו נייע דעקלאראנטען, אויך פון די פוריגע תורמים געפונען זיך אזעלכע וואס טהוען אליין גוטוויליג פערגרעסערען זייערע נתינות, און דאס ווערט געטהון בסבר פנים יפות, אזוי אז ס'טרעפט כמעט זעלטען דאס די זאמלער זאלען זיך דארפען מיט עמיצען דינגען וועגען דער גרויס פון זיין דעקלאראציע.

ביז איצט זענען שוין בעזוכט געווארען פון די אלטע דעקלאראנטען נישט קיין גאנצע העלפט און פארט בעטראפט די נצזאמעלטע פון זיי צוזאמען מיט די נייע תורמים שוין לערך 75 פראצ. פון דער געמיינזאמער סומע וואס איז געזאמעלט געווארען אין פוריגען יאהר.

עס ווייזט זיך ארויס, אז די טשענסטאכאווער יודען בעקומען וואס אמאל מעהר די נויטיגע פערשטענדניס פאר אונזער העכסטען אידעאל, פאר'ן אויפבוי פון ארץ-ישראל און די פאלקספאנדען וואס זענען צו דעם צוועק געשאפען געווארען. מען זעהט, אז א"י בויט זיך, אז נישט בלויז אונזער העכסטער אידעאל ווערט דארט פערווירקליכט, נאר אז יודען וואס ווערען געיאגט און געפלאגט און אין אלע גלות-לענדער געפונען דארט א מקום-מקלט, א רוהיג ווינקעל, וואו מען קען דורך יגיעת כפים לעבען רוהיג און זיכער, און דאס איז די אמת'ע סבה פארוואס די קרן'היסוד זאמלונגען האבען מיט יעדען יאהר א גרעסערן ערפאלג.

קליינער פעליעטאן.

טאנצענדיג...

א צייט פון ירידה, מען גליטשט זיך בארג אראב, כמעט אלע געשעפטען ליגען שוין, אדער זענען בבחינת דר'ערד ליגער.

קיין נביאים, וועלכע זאלען פארזאגען ווען עס וועלען זיך ענדיגען זי' מאגערע 7 יאהר און עס וועלען זיך אנהויבען די פעטע יאהרען, האבען מיר נישט און טאמער כאפט זיך יא ארויס אזא מין נביא, וועלכער רעדט און זאגט פאר, האלט מען איהם פאר א גרויסען נאר אדער שווינדלער.

הייסט עס, אז מיר זענען אין „דרארדנונג", מען האט אונז אריינגעפאקט אין קעסטיל און מיר שוויצען אב אונזער ביסעל יאהרען אין דעם דאזיגען קאשמאר פון „זיין אדער נישט זיין".

פונדעסטוועגען איז נאך נישט אזוי שלעכט. אט למשל ווייס איך פון אזא ווי זאל איך דאס אנרופען, מין ספרענזשינע, וואס האט נאך דעם כוח אפילו די היינטיגע לעבעדיגע מתים אויפצוועקען צו אקטיוויטעט, צו מעשים. דאס איז: טאנצען און גליטשען.

די געזעלשאפטען, סיי פילאנטראפישע ווי אויך ווירטשאפטליכע און קולטורעלע, אלע האלטען זיך אויס אדאנק טאנצען, דאס איז נאך דער איינציגער כח וואס בעוועגט די מענשהייט צו זיין אקטיוו.

ביישפילען:

וויל דער מושב זקנים האבען א פאר גילדען, העלפט נישט דאס אפעלירען צו דער קהלה, אז מען זאל זיי ארויסצאהלען די פערלענגטע סובסידיעס, זיי וועלען קיין גראשען נישט בעקומען, סיידען זיי ארדנען איין א טאנץ-אווענד אדער א נאכמיטאג-טאנץ ביי בלאשטשינסקי'ן אדער ערגיץ אנדערשוואו.

די „לירא", וואס איהר אויפגאבע איז געזאנג און מוזיק, וואלט שוין לאנג אויסגעגאנגען ווי א ליכטעל, ווען זי וואלט נישט יעדען פרייטאג-צו-נאכטס איינגעארדענט א טאנצענדיגען דאנסינג און זונטאג נאכמיטאג – א „פייף מיט א גלאק". זיי בעדויערען נאר וואס די שבת'דיגע אווענדען זענען נישט צו זייער דיספאזיציע, אז נישט, וואלט מען אויך די נעכט אויסגענוצט אלס א מוזיקאליש-טאנצענדיגען אווענד.

די „ווארטא" וואס זייער אויפגאבע איז ספארט, האט זיך אזוי לאנג געישוב'ט ביז זיי האבען ענדליך אבגעדינגען דעם „ראזמאאיטאשטשי" און מען ארדענט איין „פייפען", אזוי ווי גאט האט געבאטען.

איין קלוב האט זיך עקשנות'דיג געהאלטען ביי זייער אויפגאבע, דער יודישער טורן און ספארט-פעראיין. אלע האבען שוין געטאנצט און זיי האבען זיך נאך „נאריש" געמאכט מיט ספארט און מעטשען, ביז ענדליך, זיי האבען זיך געמוזט אונטערגעבען דעם געבאט פון דער שעה און האבען אויך אנגעהויבען טאנצען. אמת, דערווייל מאכען זיי דאס אונטער די טענער פון א גראמאפאן, אבער זייט רוהיג, נאך דעם ערשטען מאל, פון וועלכען זיי האבען פערדינט א פאר גילדען, וועט מען שוין טאנצען אונטער די טענער פון עכטער מוזיק.

קרן קימת, דער פאלקס-פאנד, וואס געהט פאר א גרויסען ערהאבענעם ציעל קען זיך אויך נישט בעגעהן אהן א טאנץ-אווענד, אמת, איין מאל אין יאהר, אבער ווען מען וויל צוזאמענגעמען א גרעסערע סומע, מוז מען זיי אריינגענארען דורך א טאנץ. איי, איז דאך די קשיא, אנשטאט אויסצוגעבען אויף אפישען, א זאל און אנדערע זייטיגע אויסגאבען, וואלט דאך, ווען דער עולם וואלט געמיינט ערנסט די זאך וואלט דאך די גאנצע סומע געקענט געהן פאר דעם ציעל, קאן עס אבער נישט אדורכגעפיהרט ווערען נאר דורך א טאנץ, ד. ה. אז אפילו געלד פאר'ן קרן קימת מוז מען אויך נעמען טאנצענדיג.

גלויבט מיר זיכער, אז ווען די קהלה וואלט געמיינט ערנסט מיט איהר בודזשעט, איבערהויפט אז דער היי-יעהריגער בודזשעט זאל זיין באמת רעאל (אזוי ווי עס פערזיכערט די מעהרהייט) וואלטען זיי געדארפט נעמען דעם עטאט טאנצענדיגערהייד. איהר לאכט? און איך פערזיכער אייך, אז נאר אויף אזא אופן וואלט מען געקאגט בעקומען עטאט.

קהלה-לייט, פערטראכט אייך וועגען דעם פראיעקט...

די האנדווערקער, די הארעפאשנע מאסען, דער „עמך", וואס איז איצט פערנומען מיט הויכע פראבלעמען, ווי למשל: פאטענטען – און גאז-מאסקעס. אויך זיי כאפען אריין פון צייט צו צייט א טענציל, כדי צו קענען בעצאהלען א קווארטעל דירה-געלד.

אלע אנדערע געזעלשאפטען, וועלכע האבען נישט קיין אייגענע לאקאלען, וואו מען קען טאנצען, דינגען עס ביי אנדערע, און די וועלכע קענען זיך נישט ערלויבען צו טאנצען זענען טאקי אויף ציפקע צרות. למשל די יודישע געזעלשאפט פאר לאנדקענטשאפט, וועלכע האלט אין זיך קוים די נשמה און אנדערע עהנליכע געזעלשאפטען, וועלכע מען קען אריינרעכנען אין צעטיל פון אויך מיר געלעבט.

און נישט בלויז געזעלשאפטען האלטען זיך אויס פון טאנצען, גאר אויך יחידים פיהרען דאס איין אין לעבען. אט למשל ליגט פאר מיר א בריעף אין רעדאקציע, וואו מען בעשרייבט, ווי אזוי א געוויסער יונגערמאן האט נישט וואס צו טהון, האט ער זיך פערלעגט אנ'ארגאניזאציע, אריינגעשטעלט דאמינא-טישלעך און דערווייל איהט מען חיונה, נאר מיט דער צייט וועט מען אויך אנהויבען טאנצען...

יא, לעצטענס גליטשט מען זיך, אנעפידעמיע פון גליטשען. קינדער, אנהויבענדיג פון 6 יאהר ביז גרויסע יונגען און מיידלעך האלטען זיך אין איין גליטשען.

אין אלטען פארק גליטשט מען זיך אונטער די קלאנגען פון א גראמאפאן, אין דער אלעע גליטשט מען זיך, נאך קיינמאל האט מען זיך נישט אזוי פיעל געגליטשט און געטאנצט ווי היינט ביי דעם שווערען ביטערען קריזיס.

ווען איך האב וועגען דעם גערעדט מיט ישראל יודל'ען, האט ער געטהון אזוי צו זאגען:

עס איז פערהאן אין דער וועלט, דערצעהלט מען, א קאסטע מענשען, וועלכע בעגעהן זעלבסטמארד אונטער די קלאנגען פון מוזיק און געהן צום טויט טאנצענדיגערהייד.

מיר, אין אונזער דור, גליטשען זיך אויך בארג אראב טאנצענדיג...

סמאל

כוס-נחומים.

עס איז די טעג אַרויס פון דרוק א ספר מיט'ן נאָמען כוס-נחומים, פערפאַסט פון היגען רב הרה"ג ר' נחום אש שליט"א.

דאָס איז נישט קיין גרויס אָבער זעהר וויכטיג ווערק, געשריבען אין אַ שעהנער העברעאישער שפראַך, וועלכעס פערנעמט זיך מיט די אַקטועלסטע יודישע פראַגען און די אויפגאַבען פון יודישען פאָלק אין גלות און ארץ-ישראל, מיט אונזערע שטרעבונגען און האָפנונגען, אונזערע ליידען און פרייַדען, געשטיצט אויף היסטאָרישע פאַקטען און אינטערעסאַנטע נאָטיצען פון אונזער אור-אַלטער און נייער קולטור.

א גענויער אָבשאַצונג וועגען דעם זעהר נוצליכען ווערק, וועלען מיר געבען אין איינעם פון די נאָהנטסטע נומערן פון אונזער צייטונג.

פון „כפר המכבי".

דער קאָמיטעט פון „כפר מכבי" מעלדעט, אַז די ציהונג, וועלכע האט געזאלט פאָרקומען דעם 14 איז געוואָרען אָבגעלייגט אויף דעם 21 ד. ח.

„אַ נאַכט אין תל-אביב".

שוין מאָרגען אָוונד קומט פאר און הערליך דעקאָרירטען פייערלעשער-זאל דער לאַנג-ערוואַרטעטער טראדיציאָנעלער באל א. נ. „א נאכט אין תל-אביב".

דער באל וועט לויט די הכנות וואס עס ווערען געמאכט איבערשטייגען מיט זיין עפעקטפולען אויסזעהען דעם פאראיאהריגען, וואס עס פערזיכערט א קאָלאָסאלען ערפאָלג.

די איינגעלאַדענע געסט וועלען געוויס אויסנוצען די געלעגענהייט און דעם באל צאַהלרייך בעזופען.

צגליעב דער פאָראויסגעזעהענער גרויסער פרעקווענץ איז געוואונשען זיך צו פערזעהען מיט בילעטען אין די פריהערדיגע שעה'ן.

אינטערעסאַנטער רעפעראַט פון ד"ר א. ראָזענבוים.

זונטאָג. דעם 15 ד. ח. 8 אַ זייגער אָוונד וועט ד"ר א. ראָזענבוים האַלטען א רעפעראַט אין לאָקאל פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אַלעע קאָשציושקי 16, א. ד. ט. „פראָבלעמען פון יודישער ערציהונג.

עלטערן קומט מאַססנווייז!

פון „תרבות"-סניף.

די וואָך איז פאָרגעקומען לויט דער איניציאַטיוו פון היגען „תרבות"סניף א פערזאַמלונג מיט'ן אַנטייל פון פאָרשטעהער פון אַלע היגע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס, אויף וועלכער עס האט זיך געגרינדעט דער סלע-קאָמיטעט צו פערשפרייטען די סלעים אויפ'ן יאהר תרצ"ג.

אלס מורשה איז אויסגעוועהלט געוואָרען ה' פראָפ. יאַנאָווסקי און אלס סעקרעטאר ה' טענענבוים.

עס ווערען אויך געמאכט פאָרבערייטונגען צו א ביאליק אָוונד לכבוד דעם געבורטס-טאָג פון גרויסען דיכטער.

וואו מען טרעפט זיך?

זונטאג, דעם 15 ד. ח. פון 6 ביז 11 אווענד קומט פאר אין לאקאל פון יודישען טורן און ספאָרט פעראיין (אַגראדאווא 8) אַ דאַנסינג, אויף וועלכען די פערוואלטונג לאַדענט איין אלע מיטגלידער און סימפאַטיקער. אויף דעם דאנסינג איז אנגאַזשירט געוואָרען אַנ'ערשטקלאסיגער אָרקעסטער.

צוויי ביליגע אויספלוגען אויף דער מכביאדע נאָך זאַקאָפּאַנע.

די יודישע געזעלשאפט פאר לאַנדקענטשאפט ארדענט איין אויף דער גאנצער צייט פון דויערען פון דער מכביאדע פון 1.2 ביז'ן 5.2 צום פרייז פון 55 און 75 זל. דער פרייז נעמט ארום רייזע-הוצאות אין ביידע זייטען, אויסהאלט פאר די 5 טעג און פרייער איינטריט אויף אלע אימפרעזען.

איינשרייבונגען נעמט אָן דער סעקרעטאריאַט ביז דעם 20-טען יאנואר, אלעע קאָשטשושקי 16. אָבפאָהר דעם 31 יאנואר.

חוץ דעם ווערען איינגעאָרדענט 2 14-טעגיגע אויספלוגען אויף דער צייט פון דער מכביאדע, פון 24.1 ביז 10.2 און פון 1.2 ביז 15.2.

דיריגענט ה' זאַקס פערלאָזט טשענסטאָכאָוו.

ווי מען גיט אונז איבער פערלאָזט אונזער שטאָדט דער בעוואוסטער דיריגענט פראָפ. זאַקס, וועלכער בעזעצט זיך אין לאָדז.

פראָפ. זאַקס איז געוואָרען איינגעלאַדען אלס דיריגענט אין דער לאָדזער סינאגאָגע און אין דעם לאָדזער „הזמיר". אויסער דעם זאל ער איבערנעהמען די אָנפיהרונג אין דער לאָדזער פילהארמאָניע.

די דאָזיגע ידיעה איז דורך זיינע פריינד אויפגענומען געוואָרען מיט פרייד און צוגלייך אונצופרידענהייט. די פערזאָן פון ה' זאָקס איז ענג פערבינדען מיט דעם מוזיקאלישען לעבען אין אונזער שטאדט עס איז נישט געוועזען קיין מוזיקאלישער קרייז, געזעלשאפט אָדער פעראנשטאַלטונג אין וועלכער ער זאל נישט האבען אנטיילגענומען. די לעצטע צייט האט פראָפ. זאקט אָנגעפיהרט און געוועזען דיריגענט אין דער „לירא", וואו ער האט אוועקגעלעגט אונטרמידליכע פרוכטבארע אַרבייט. די קאנצערטען, אויסגעפיהרט אונטער זיין שטעקעלע וועלען געהערען צו די שענסטע קאפיטלען פון היגען קולטורעלען לעבען.

ווי ה' זאַקס פערזיכערט, וועט ער די בעציהונגען וואס בינדען איהם מיט אונזער שטאדט נישט איבעררייסען און ווייטער דיריגירען מיט דער היגער „לירא".

דעם פערדינסטפולען דיריגענט אויף זיין נייעם פעראנטוואָרטליכען וועג ווינשען מיר צוזאָמען מיט זיינע פיעלע פערעהרער אַ הערציגען ערפאָלג.

ל.

א יודישער לעגיאָן א.ג. פון בערעק יאָסעלעוויטש.

לויט דער איניציאַטיוו פון היגע אַנגעזעהענע יודישע בירגער איז געשאַפען געוואָרען א אָרגאַניזיר-קאָמיסיע פון די ה"ה: ד"ר גייסלער, ש. ניעמיראָווסקי, וו. וויטשיק, א. ווערנער, י. גאָלדבערג און יאשינאָווסקי, וועלכע האבען זיך געשטעלט פאר אַנ'אויפגאַבע צו שאַפען אין אונזער שטאָדט א לעגיאָן א.ג. פון בערעק יאָסעלעוויטש.

פערגאַנגענעם מיטוואָך איז פאָרגעקומען א זיצונג פון דער אָרגאַניזיר-קאָמיסיע, וועלכע האט בעשלאָסען צונויפצורופען אויף זונטאָג, דעם 5 ד. ח. 5 נאכמיטאג א גרויסע פערזאָמלונג אין לאָקאל פון דער האַנדווערקער - באַנק אלעע 12, אויף וועלכער עס וועט זיין אָנוועזענד דער קרייז-קאָמענדאַנט פון לאָדז ג. מייסלער.

לויט ווי די איניציאַטאָרען גיבען איבער האט זיך די געזעלשאַפט געשטעלט פאָלגענדע אויפגאַבען: 1) אין א געזונטען קערפער, א געזונטער גייסט. 2) ערציהען די יודישע יוגענד אין גייסט פון געטרייע פוילישע בירגער. 3) צו פערטיידיגען די פוילישע גרעניצען פון אויסערליכע פיינד.

אלס אקטיווע מיטגלידער ווערען אַנגענומען יונגעלייט פון 16 ביז 21 י.

וועגען יודיש טעאטער אין טשענסטאָכאָוו.

אויף דער קאָנפערענץ וואס איז פאָרגעקומען מיטוואָך, דעם 11-טען ד. ח. וועגען ענין יודיש טעאטער אין טשענסטאָכאָוו, איז אָנגענומען געוואָרען א בעשלוס צוזאָמענצורופען א גרעסערע קאָנפערענץ מיט דער בעטייליגונג פון אלע קולטורעלע אינסטיטוציעס און סעקרעטאר פון אַרטיסטען-פעראיין. צו דעם צוועק איז ארויסגעשיקט געוואָרען א קאָרענדע מיט פאָלגענדען אינהאַלט: מיר האבען דעם כבוד אייך מיטצוטיילען, אַז אויף דער זיצונג פון 11 ד.ח. איז בעשלאָסען געוואָרען צונויפצורופען א קאָנפערענץ אויף פרייטאָג, דעם 17 ד. ח. 8 א זייגער אווענד, אין לאָקאל פון האַנדווערקער-פערבאַנד, אלעע 12. צוליב דער וויכטיגקייט פון בעהאַנדעלטען ענין, ווערט איהר געבעטען דורכאויס צו זיין אַנוועזענד אויף דער דערמאָנטער קאָנפערענץ.

וועגען פערביליגערען דירה-געלד.

עס ווערט איצט ערוואַרט מיט אונגעדולד דאס ערעפנען פון דער סיים-סעסיע, צוליב דעם וואס דער פערבאַנד פון די לאָקאַטאָרען-פעראיינען גרייט זיך, מיט דעם מאָמענט וואס די סיים-סעסיע וועט געעפענט ווערען, אריינצוטראָגען אין אלע פאָרלאָמענטארע קלובען מעמאָריאלען וועגען פערביליגערען דאס דירה-געלד אזוי גוט אין די אלטע ווי אין די נייע הייזער.

אין דעם דאָזיגען מעמאָריאל פערלאַנגען די לאָקאַטאָרען צו פערביליגערען דאס דירה-געלד אויף 30—40 פראָצענט, צוליב דעם וואס אלע פערדינסטען פון סחורות, בעאמטע און אנדערע זענען געפאלען אין דער פראָפּאָרציע.

דער פערבאנד פון די לאָקאַטאָרען פעראייניגען דריקט אויס די האָפנונג, אַז די אקציע אין די פאָרלאָמענטארע קלובען וועט געבען א גוטען ערפאָלג און גלויבען, אז ענדליך איז דער דאָזיגער ענין ארויף אויפ'ן ריכטיגען וועג ערלעדיגט צו ווערען.

זונטאָג — א „פייף-אָ-קלאָק" אין נייעם לאָקאל פון „וואַרטאַ".

זונטאג דעם 15 ד. ח. 5 א זייגער נאכמיטאג קומט פאר אין נייעם פרעכטיגען לאָקאל סטראזשאַצקאַ № 8 (געוו. טעאטער „ראָזמאַיטאָשטשי") א „פייף-אָ-קלאָק". צו די טענץ וועט צושפילען אַנ'ערשטקלאסיגער אָרקעסטער מיט ה' א. אָפמאַן, וואס איז אַ גאראַנטיע, אַז דער עולם וועט גוט פערברענגען אין א היימישער סביבה.

שול-אינספעקטאָר פעבע פערלאָזט זיין אמט.

מיר ווערען געוואויר, אַז דער שול-אינספעקטאָר ה' קאָזשימיעזש פעבע פערלאָזט אין די נאָהנטסטע טעג זיין אמט אין אונזער שטאָדט.

מיטוואָך פריה איז געווען 12 גראד פראָסט.

די טעמפעראַטור אין דער נאכט פון דינסטאָג אויף מיטוואָך, נאכדעם ווי ס'האט דינסטאָג בייטאָג געשנייט, איז פלוצלינג געפאלען און נעכטען אין דער פריה האט דעם טערמאָמעטער געוויזען 12 גראד הינטער זערא. יעדאָך במשך פון נעכטיגען טאָג האט זיך דאס וועטער אויסגעגלייטערט און די פראָסט איז געווען קלענער צוליב דער זון און דער ענדערונג פון דער ריכטונג פון ווינד.

רינג - קייט לטובת קרן העליה ביים בית"ר.

אינזש. פייגין גיט 5 זל. און רופט ארויס די ה"ה דיר. פרושיצקי, אינזש. סאָבאל, אינזש. טורנער, אינזש. קאַכמאַן, פרוי פאַק, משה אש.

יחיאל זילבערבערג ענטפערט מיט 5 זל. און רופט ארויס ה"ה דוד לעוויט ראובן לעוויט, מיעטעק רייכער, א. לוקסענבערג.

מגר. מענטשעווסקי גיט 5 זל. און רופט ארויס ה"ה אינזש. ק. זשעריקער, ב. סאַלאט, מגר. ז. ראָזענצווייג, סטוד. ש. פשעדבאָרסקי, פ. באַרוך, אסתר ליבראוויטש.

אוטשא ווינשטאָק ענטפערט מיט 2 זל. און רופט ארויס בראַנקא פרידריך, גוטא סטאָביעצקא, פאלא מיסקא.

ל. לעדערמאָן ענטפערט מיט 5 זל. און רופט ארויס ה"ה מ. לאסטמאָן, ז. לאנגנער.

ה' שמואל גאָלדשטיין ענטפערט מיט 5 זל.

פירמא קאָהן - קאָנגרעצקי גיט 5 זל. אדוו. בלום גיט 5 זל.

התראה.

מיר ווארנען צום לעצטען מאָל עפענטליך אונזער לאָקאטאר און מאָכען איהם אויפמערקזאָם, דאס אויב ער וועט אונז נישט בעצאהלען די קומענדע פון איהם 1250 (טויזענד צוויי הונדערט פופציג) זלאָטעס פאר דירה-געלד און וואסער, און נישט קוקענדיג וואס מיר האבען איהם ערלויבט אַ סובלאָקאטאָר אריינצונעמען, האט ער אונז אפילו דאס געלד נישט בעצאהלט.

און היות ווי מיר האבען א שריפטליכע פערפליכטונג, אז ער וועט זיך גוטוויליג ארויסציהען ביז דעם 17 סטיטשען ד. י. מאַכען מיר איהם אויפמערקזאָם, אז אויב ער וועט זיך ארויסציהען, וועלען מיר איהם שענקען דעם גאנצען חוב און אויב נישט וועלען מיר זיין געצווינגען אויסצופיהרען די עקסמיסיע.

די בעלי-בתים פון הויז גאריבאלדי 16.

באַהן-הנחות פאָר טוריסטען פון טשענסטאכאוו.

א דאַנק די בעמיהונגען פון שטאָדט-קאָמיסאר מאָזור, וועלכער איז פרעזעס פון דער אָרטיגער פוילישער געזעלשאַפט פאר לאַנדקענטשאַפט, האט די באַהן-מאכט איינגעשטימט צו ערטיילען, במשך פון גאנצען יאהר, א 50-פראָצענטיגע הנחה די אויספלוגען וועלכע פאָהרען ארויס פון טשענסטאָכאוו צוליב לאַנדוויסענשאַפטליכע צוועקען אויף א שטרעקע פון 150 קילאָמעטער.

די דאָזיגע הנחה וועט זיכער אויינברענגען אנ'איפלעבונג אין דער לאַנדוויסענשאפטליכע בעוועגונג, ווייל די הנחה נעמט ארום בענוי די גאַנצע שלעזישע וואָיעוואָדזמווע און טיילען פון די לאָדזער און קעלצער וואָיעוואודזטוועס.

פון דער פראָווינץ.

קלאָבוצק.

מיט איניגע טעג צוריק האבען ביי אונז אין שטאדט געוויילט די ח"ח: קאַנד. יורי א. בראַטמאָן און י. וואַרשאוער פון טשענסטאכאוו.

ח' בראַטמאָן האט אין נייעם און גרויסען לאָקאל פון בית"ר, וואס איז געוועזען פול געפאַקט רעפערירט א. ד. ט.: „וואס איז ציוניזם רעוויזיאַניזם".

דער רעפערענט האט ביי אַ גרויסער שפּאַנונג פון עולם בעריהרט די וויכטיגסטע און אַקטועלע ציוניסטישע פראָבלעמען און אנגעוויזען דערויף, אַז דער רעוויזיאַניזם איז דער בעסטער אויסדרוק פון פאָלקס-ווילען און פאָלקס-געוויסען. ער ווייזט אָן דערויף, אַז אַ פאָלקס-ווילען איז דער וויכטיגסטער פאָליטישער גורם, דאַן נאָך א לענגערע אנאַליזע, בעצייכענט ער דעם ווילען ביי די רעליגיעזע יודען אויפצובויען א"י אלס פאַסיווען ווילען, דעם חיבת ציון ווילען אלס נאַאיווען ווילען, דעם ציוניסטישען ווילען אין דער הערצל-תקופה—אלס יוגענדליכען ווילען, דעם ציוניסטישען ווילען אין דער קריעגס-צייט אלס רייפען ווילען און דעם ציוניסטישען ווילען נאך דער קריעג אלס סעכילען, סכלעראטישען ווילען, ערשט דער רעוויזיאַניזם האט צוריקגעגעבען דעם ציוניזם זיין יוגענדליכע טהאַטפעהיגקייט און פאָליטישע רייפקייט צו גרויסע טהאַטען.

נאך דעם רעפעראַט איז פאָרגעקומען א חברים-פערזאַמלונג, אויף וועלכער ח' ווארשאוער האט ארומגערעדט א רייהע אָרגאַניזאַציאָנעלע ענינים.

א קלאָבוצקער.

Kino „Atlantic".

1) קאַרלאָ אלדיני
BOHATER KRWAWEJ ARENY
2) די טעטיגקייט פון א רויבער-באַנדע
W SIDŁACH SZANTAŻYSTÓW
3) טשארלי טשאַפּלין נאָך דער חתונה.
קרוזעלאָ פון 30 גר.
אָנפאַנג 5 נאכמ., שבת 4 נאכמ.

ראטעוועט דאס געזונד
די בערימטעסטע ערצטליכע וועלט - פערזענליכקייטען האבען פעסטגעשטעלט, אז 75
פראָצ. קראַנקהייטען ענטשטעהען צוליב אבסטרוקציע.
א קראַנקער מאָגען איז די הויפט-סיבה פון ענטשטעהען פון פערש. קראַנקהייטען. פעראומרייניגט דאָס בלוט און שאַפט א שלעכטע שטאָף-וועקסלונג.
די בעריהמטע זייט 50 יאהר אין דער גאנצער וועלט
Zioła z gór Harcu Dr. Lauera ווי דאס האבען בעשטעטיגט די פראָפ. פון בערלינער אוניווערזיטעט ד"ר מארסין, ד"ר האכשלעטער און א סך אנד. בעדייטענדע דאָקטוירים, זענען אַנ'אידעאל מיטעל געזונד צו מאכען דעם מאָגען, בעזייטיגען די אבסטרוקציע (פערהארטונג), איז א גוט רייניגונגס-מיטעל, פערלייכטערן די פונקציעס פון די פערדייאונגס-אָרגאַנען, פערשטאַרקען דעם אָרגאַניזם און דערוועקען דעם אַפעטיט.
Zioła z gór Harcu Dr. Lauera בעזייטיגען די ליידען פון די לעבער, נירען, גאַל-שטיינער. העמאָריד-ליידען, רעוומאַטיזם און ארטערעטיזם, קאָפּ-ווייטאָג, אויסשיטען און לישאַיעס.
Zioła z gór Harcu Dr. Lauera זענען געוואָרען בעשאָנקען אויף די ערצטליכע אויסשטעלונגען מיט די העכסטע אויסצייכענונגען און גאָלדענע מעדאַלען אין באַדען, בערלין, וויען, פאריז, לאָנדאָן און אין אַנדערע שטעט. ד"ר לאַוער האט בעקומען טויזענדער דאַנקזאַגונגען פון אויסקורירטע. פרייז פון א האלב שאַכטעלע 1.50 זל., א גאַנצע שאכטעל 2.50 זל.—פערקויף אין אַפּטייקען און סקלאַד-אַפּטעקעס.

„Grand-Kino"
קאָשטשושקי גאס.
לעצטער סעאַנס 9.40 אָוו.

סופערפילם, אויסגעצייכענט דורך דער אַקאַדעמיע פון פילם-קונסט אין אמעריקא
CZEMP
אין דער הויפט-ראל וואלאס בערי און דער פענאָמענאַלער 7-יעהריגער דזשעק קופער.
איבער'ן פראָגראַם: פאָקס-וואָך.

Teatr „ODEON"
אלעע 27.
לעצטער סעאַנס 10 אָוונד.

די ליבלינג פון פובליקום ליליאַן הארוועי, הענרי גאראַט אין ערשטען פילם אויפ'ן יאהר 1933.
JASNOWŁOSY SEN
הערליכער פילם פון ליבע, גליק און קאריערע.
שבת ד. 15-טען און זונטאג ד. 16-טען ד. ח. 12 א זייגער מיטאָג-סעאַנסען
„גיהנום פון פאריז".
קרוזעלאָ 49 גר.

ערשטער מוסטערהאַפטער
קלאַנג-קינאָ
Nowości
לעצטער סעאַנס 9-30 אָוונד.
הייַנט און ווייטערע טעג.

גרויסעל דאָפּעלטער פראָגראַם! ריהרט! בעצויבערט! אילוסטרירט: ליבע, נויט, קאַריערע!
W CIENIU DRAPACZY CHMUR
חוץ דעם דער צווייטער גענצליכער פראָגראַם: דוגלאַס פיירבענקס אין דער הערליכסטער דראַמא
ŻELAZNA MASKA
בילעטען פון 49 גר.

Redaktor: Izrael Płockier Wydawca: B. Bocian i I. Płockier Druk. B. Bocian, Aleja 6